STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06488

KAMF

John Galsworthy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דזשאן גאלסאווארטי

קאמף

אַ דראַמע אין 3 אַקטן און 4 בילדער

איבערגעזעצט פון ענגליש וו. וואַלט.

19 פאַרלאַג „די וועלט”, וואַרשע. 22

JOHN GALSWORTHY o o o o o o o
o o o WALKA dramat w 3-ch aktach.
WYD. „DIE WELT", WARSZAWA.

DRUKARNIA „DI WELT" o o o o
o o o WARSZAWA, NOWOLIPIE 7.

פערזאָנען:

דזשאָן ענטאָני, פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער אַקציען־געזעלשאַפט „טרעגאַרטער צין־פאַבריק“.

עדגאַר ענטאָני
פרעדעריק ווילדער
וויליאַם סקענטלבערי
אָליווער אואַנקלין
— מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג

הענרי טענטש, סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג.

פרענסיס אונדערוואוד, אינזשעניער, דירעקטאָר פון פאַבריק.

שמעון האַרנעס, פאָרשטייער פון דעם פראָפעסיאָנעלן פאַריין.

דוד ראָבערטס
דזשעמס גרין
דזשאָן בולגין
הענרי טאָמאַס
דזשאָרדזש ראַאוס
— מיטגלידער פון שטרייק־קאָמיטעט.

הענרי ראַאוס
לואיס
ברוין
יאַגאָ
עוואַנס
אַ שמיד
דעוויס
אַ געלער יונג
— ארבעטער פון „טרעגאַרטער צין־פאַבריק“.

פראסט, דזשאָן ענטאָניס לאַקיי.

ענ׳ד אונדערוואוד, פרוי פון פרענסיס אונדערוואיד און
די טאָכטער פון דזשאָן ענטאני.

מעדזש טאָמאַס, טאָכטער פון הענרי טאָמאַס.

פרוי ראַאוס, מוטער פון הענרי און דזשאָרדזש ראַאוס.

פרוי בולגין, פרוי פון דזשאָן בולגין.

פרוי יעאַ, פרוי פון אן ארבעטער.

אַ קאַמערמיידל בא די אונדערוואוד.

יאַן, מעדזשס ברודער, 10 יאָר אַלט.

המון פון שטרייקנדע אַרבעטער.

I=ער **אקט.** עס=צימער אין הויז פון פאַבריק=דירעקטאָר.

II=ער **אקט.** I=טע ב י ל ד. קיך אין הייזל פון די ראָבערטס, נישט ווייט פון פאַבריק.

II=טע ב י ל ד. אַ פּלאַץ פאַר דער פאַבריק.

III=ער **אקט.** גאַסט=צימער אין הויז פון פאַבריק=דירעקטאָר.

ס׳געשעט דעם 7=טן פעברואַר צווישן צוועלף באַטאָג און זעקס נאָכמיטאָג, אין דער שכנות פון דער טרעגארטער צין=פאַבריק, אויף דער גרעניץ צווישן ענגלאַנד און וועלס. די פאַבריק שטרייקט שוין דעם גאַנצן ווינטער.

ערשטער אקט.

ס'איז צוועלף באַטאָג. אין דעם עס־צימער ביי די אונדערוואוד ברענט אין אויוון אַ שטאַרקער פייער. פון איין זייט פון דעם אויוון געפינט זיך אַ טיר צו דעם גאַסט־צימער; פון דער צווייטער זייט — אַ טיר אין פּאַרצימער. אין מיטן פון צימער שטייט אַ לאַנגער עס־טיש אָן אַ טישטוך, צוגעגרייט פאַר אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג. ביי דעם עק פון טיש, אויפן אָרט פון פאָרזיצער, זיצט דזשאָן ענטאָני, אַן אַלטער, הויכער און דיקער מאַן, גלאַט ראַזירט, מיט רויטע באַקן, געדיכטע ווייסע האָר און געדיכטע שוואַרצע ברעמען. זיינע באַוועגונגען זענען לאַנגזאַם און אָפּגעשוואַכט. אָבער זיינע אויגן זענען פול מיט לעבן. פאַר אים שטייט אַ גלאָז וואַסער. אָן זיין רעכטער האַנט זיצט זיין זון עדגאַר, אַן ערנסטער מענטש פון 30 יאָר. ער לייענט אַ צייטונג. נעבן אים זיצט אונאָנקלין, געבויגן איבער פּאַפּיר־בויגנס. ער האָט געדיכטע ברעמען און העלע, עטוואָס גראָע האָר. ס'העלפט אים צו שטייענדיק דער סעקרעטאַר, טענטש — אַ קליין נערוועז מענטשל מיט באַקנבאַרדן, פול מיט דרך־ארץ. רעכטס פון אונאָנקלינען זיצט אונדערוואוד, דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק, אַ רואיקער מענטש מיט אַ לאַנגן, פאַרעקשנטן קוק און רויק־שטרענגע אויגן. סקענטלבערי, אַ דיקער, בלאַסער און איינגעשלאָפענער מאַן מיט גראָע האָר און אַ פּליך זיצט מיטן רוקן צום פייער. צווישן אים און דעם פאָרזיצער שטייען צוויי פוסטע שטולן.

ווילדער

(אַ דאַרער, בלאַס־גריניקער, מיט אַ קרענקלעכן אויסזען און גראָע אַראָפּגעלאָזענע וואָנסעס; שטייט ביים פייער) ס'איז היץ, ס'איז גיהנום, צי קען איך האָבן אַ שירמווענטל, טענטש?

סקענטלבערי

יאָ, אַ שירמוועגטל!

טענטש

אוודאי, הער ווילדער. (ער קוקט אויף אונדערוואוד) אפשר וועט דער דירעקטאָר — אפשר וועט הער אונדערוואוד —

סקענטלבערי

אייערע אויוונס, אונדערוואוד —

אונדערוואוד

(זיך אָפּרייסנדיק פון לייענען די פּאַפּירן) אַ שירמוועגטל? אַוודאי! איך בעט אייך איבער (ער גייט צו די טיר מיט אַ שמייכל) היינטיקע צייטן זיינען מיר דאָ נישט געוויינט, אַז מען זאָל זיך קלאָגן אויף אַ צו שטאַרקן פייער. (ער רעדט, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ פייף צווישן די ציין, לאַנגזאַם און איראָניש)

ווילדער

(מיט אַ טאָן פון באַליידיקונג) איר מיינט דאָס די אַרבעטער. ה'ם! (אונדערוואוד גייט אַרויס).

סקענטלבערי

אָרעמע לייט!

ווילדער

ס'איז זייער אייגן שולד, סקענטלבערי!

עדגאַר

(שטרעקט אויס די צייטונג) לויט די „טרעגאַרטער נייעס", איז די נויט צווישן זיי אַ שרעקלעכע.

ווילדער

אה, די דאָזיקע שמאַטע! גיט עס אַהער. אַ שמאַטע. דאָס שטימט מיט זייערע ראַדיקאַלע איבערצייגונגען. מען זידלט אונדז דאָרט, מסתמא, מיט די ערגסטע ווערטער. מען וואָלט געדאַרפט שיסן דעם רעדאַקטאָר פון אַזאַ שמוציק בלעטל.

עדגאַר

(לייענט) „אויב די געערטע מיטגלידער פון דער פאַר־האַלטונג פון דער געזעלשאַפט „טרעגאַרטער צין־פאַבריק" וואָלטן זיך מטריח געווען פאַרלאָזן זייערע פּאָטעלן אין לאָנדאָן און אַראָפּגעקומען דאָ אַ הער, כדי אַליין זיך איבערצייגן אין וואָס פאַר אַ לאַגע געפינען זיך די אַרבעטער, וואָס שטייען אין שטרייק—"

ווילדער

נו, ז ע נ ע ן מיר געקומען.

עדגאַר

(לייענט ווייטער) „מיר קענען בשום אופן נישט גלויבן, אַז אפילו זייערע הערצער, וואָס זענען באַוואַקסן מיט פעטס, זאָלן נישט גערירט ווערן."

אואָנקלין

(נעמט בײַ אים צו די צייטונג)

ווילדער

אַ כאַם! איך געדענק דעם פּאַרשוין, ווען ער האָט נאָך קיין גראָשן נישט געהאַט בײַ דער נשמה; דער לאָבוז האָט געמאַכט אַ קאַריערע מיט דעם, וואָס ער האָט באַגאָסן מיט זלזולים אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַן אַנדער מיינונג ווי ער. (ע נ ט אָ נ י זאָגט עפּעס; מ'הערט נישט).

ווילדער

וואָס זאָגט אייער פּאָטער?

עדגאַר

ער זאָגט: „מענטש, קוק זיך איין אין אַ שפּיגל!"

ווילדער

ה'ם! (ער זעצט זיך נעבן ס ק ע נ ט ל ב ע ר י)

סקענטלבערי

(בלאָזט די באַקן) איך וועל מיך אָפּבאַקן, אויב מען וועט מיר נישט געבן דאָס שירעמוועגטל.

(אונדערוואוד און עניִד גייען אַריין מיט אַ שירעמוועטש, וועלכן זיי שטעלן פֿאַר דעם פֿייער. עניִד איז 28 יאָר אַלט, אַ הויכער וואוקס און אַ קליין-ענערגישער פּנים)

עניִד

שטעל עס נעענטער, פֿראַנק! גוט אַזוי, הער ווילדער?

ווילדער

אויסגעצייכנט, דאַנק אייך!

סקענטלבעריִ

(דרייט זיך אויס, מיט אַ זיפֿץ פֿון פֿאַרגעניִגן) אה! איך דאַנק אייך, מאַדאַם!

עניִד

דאַרפֿסטו נאָך עפּעס, פּאָטער? (ענט אַ ניִ שאָקלט מיטן קאָפּ) און דו, עדגאַר?

עדגאַר

דו קענסט מיר געבן די פּעדער „זשיִ".

עניִד

זיי ליִגן דאָרט, נעבן הער סקענטלבעריִ.

סקענטלבעריִ

(איבערגעבנדיק דאָס קעסטעלע פּעדערס) אה! אייער ברודער שרייבט מיט די דאָזיקע פּעדערס? און דער דירעקטאָר? (אויסערסט העפֿלעך) מיט וואָסערע פּעדער באַנוצט זיך אייער מאַן, פֿרוי אונדערוואוד?

אונדערוואוד

מיט געניזענע!

סקענטלבעריִ

אַ היימישער פּראָדוקט. (ער דערלאַנגט געניזענע פּעדער)

אונדערוואוד

(טרוקן) איך דאַנק אייך. (ער נעמט אַ פּעדער) ווי האַלט עס מיט דעם פֿרישטיק, עניִד?

ע נ י ד

(שטעלט זיך אָפּ ביי דער טיר צום גאַסט-צימער און קוקט זיך אַרום)

מיר וועלן פרישטיקן אין דעם גאַסט-צימער, איר דאַרפט זיך נישט איילן.

(אוּאָנקלין און ווילדער פאַרנייגן זיך. זי גייט אַרויס)

סקענטלבערי

(ווערט פלוצים לעבעדיק) אהו! פרישטיק! דאָ אין האָטעל איז אַ שרעק! האָט איר פאַרזוכט נעכטן די פיש? הוילע פעטס!

ווילדער

ס'איז שוין נאָך צוועלף. אפשר וועט איר איבערלעזן דעם פּראָטאָקאָל, טענטש!

טענטש

(זוכט מיט די אויגן די צושטימונג פון פּאָרזיצער, דאַן לייענט שנעל און איינטאָניק) „די זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון דעם 31-טן יאַנואַר אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט, 512, קעננאַן-גאַס, לאָנדאָן. אַנוועזנדע — הער ע נ ט אָ נ י אַלס פּאָרזיצער, און די הערן פּ. ה. ווילדער, וויליאַם סקענטלבערי, אָליווער אוּאָנקלין און עדגאַר ענטאָני. געלעזן בריוו פון דעם פאַבריק-דירעקטאָר דאַטירט דעם 20-טן, 23-טן, 25-טן און 28-טן יאַנואַר וועגן דעם שטרייק אין דער פאַבריק פון דער געזעלשאַפט. געלעזן בריוו צו דעם פאַבריק-דירעקטאָר, דאַטירט דעם 21-טן, 24-טן, 26-טן און 29-טן יאַנואַר. געלעזן אַ בריוו פון הער שמעון הארנעס פון דעם צענטראַלן אַרבעטער-פאַריין, וואו ער בעט אַ פערזענלעכע באַגעגעניש מיט דער פאַרוואַלטונג. געלעזן אַ בריוו פון דעם שטרייק-קאָמיטעט פון די אַרבעטער אונטערגעשריבן דורך דוד ראָבערטס, דזשעמס גרין, דזשאָן בולגין, האַנרי טאָמאַס און דזשאָרדזש ראַאוס, אין וועלכן ס'ווערט פאָרגעשלאָגן אַ געמיינזאַמע קאָנפערענץ פון דעם שטרייק-קאָמיטעט מיט דער פאַרוואַלטונג.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַן אויסעראָרדענטלעכע זי־צונג פון דער פאַרוואַלטונג ווערט צונויפגערופן דעם 7־טן פעברואַר אין הויז פון פאַבריק־דירעקטאָר, כּדי דאָרטן אויפן אָרט באַטראַכטן די לאַגע צוזאַמען מיט הער שמעון הארנעס און מיט דעם שטרייק־קאָמיטעט.״

(ער רוקט צו דעם פּראָטאָקאָל־בוך דעם פּ אָ ר ז י צ ע ר)

ענטאָני

(מיט אַ שווערן זיפץ) זייט אַזוי גוט אונטערצושרייבן. (ער שרייבט אונטער, פירנדיק די פעדער מיט שוועריקייט)

אונאָבקלין

וואָס איז אייגנטלעך דערמיט אויסן דער פאַריין, טענטש? זיי האָבן דאָך נאָך נישט געמאַכט קיין שלום מיט די אַרבעטער. צוליב וואָס דאַרף הארנעס די דאָזיקע באַגע־געניש?

טענטש

איך רעכן, אַז ער האָפט אויף אַן אויסגלייך. היינט נאָכ־מיטאָג דאַרף ער זיך טרעפן מיט די אַרבעטער.

ווילדער

האַרנעס! אהא! איינער פון די דאָזיקע קאַלט־בלוטיקע און אויסגערעכנטע... איך האָב נישט קיין צוטרוי צו זיי. איך ווייס נישט, צי מיר האָבן נישט געמאַכט אַ פעלער מיט אונזער קומען אַהער. ווען וועלן דאָ קומען, די אַר־בעטער?

אונדערוואוד

זיי קענען אָנקומען יעדע מינוט.

ווילדער

נו, אויב מיר וועלן נישט זיין פאַרטיק, וועלן זיי מוזן אָפּוואַרטן. ס'מאַכט נישט אויס, אויב זיי וועלן זיך אַביסל אָפּקילן זייערע היציקע קעפּ.

סקענטלבערי

(לאנגזאם) אומגליקלעכע! ס׳גייט אַ שניי. וואָס פאַר אַ וועטער!

אונדערוואוד

(לאנגזאם, באַטאָנענדיק) דאָס דאָזיקע צימער וועט זיין דאָס וואַרימסטע אָרט, וואָס זיי האָבן געזעען אין משך פון גאַנצן ווינטער.

ווילדער

נו, איך האָף, אַז מיר וועלן גיך ערלעדיקן דעם ענין און מיר וועלן באַווייזן אָפּפאָרן מיטן צוג 6.30. מאָרגן מוז איך באַגלייטן מיין פרוי נאָך שפּאַניען. (מיט א טאָן פון א מעשה) אין די 69-טע יאָרן איז געווען אַזאַ שטרייק אין דער פאַבריק פון מיין פאָטער; ס׳איז געווען פונקט אַזאַ פעברואַר ווי דער איצטיקער. זיי האָבן געוואָלט שיסן מיין פאָטער.

אואָנקלין

(איראָניש) וואָס? אין אַ סעזאָן, וואָס איז פאַרווערט צו שיסן די חיות אין וואַלד?

ווילדער

דעמאָלט פלעגט מען נישט אָפּהיטן קיין פאַרווערטע סעזאָנען פאַר אונטערנעמער! דער פאָטער איז דעמאָלט געגאַנגען אין קאַנטאָר נישט אַנדערש, ווי מיט אַ רעוואָלווער אין דער קעשענע.

סקענטלבערי

(לאַכט באַאונרואיקט) ס׳קען נישט זיין!

ווילדער

(אנטשלאָסן) דער סוף איז געווען, אַז ער האָט דורכגעשאָסן איינעם פון זיי דעם פוס.

סקענטלבערי

(כאַפּנדיק זיך אינסטינקטיוו פאַרן פוס) אַזוי? גאָט אין הימל!

ענטאָני

(אויפהויבנדיק דעם פּאַפּיר מיט דעם טאָג-אָרדנונג) מיר טרעטן-צו צו באַטראַכן די האַנדלונג פון דער פאַרוואַלטונג בנוגע דעם שטרייק. (אַ פּויזע)

ווילדער

ס'איז דער פאַרשאָלטענער דרייווינקל: דער פאַריין, די אַרבעטער און מיר.

אונאָנקלין

מיר דאַרפן נישט נעמען אין אַכט דעם פאַריין.

ווילדער

איך ווייס פון מיין דערפאַרונג, אַז מען מוז שטענדיק נעמען אין אַכט דעם פאַריין, זאָל ער גיין צו אַלדי טייוול! אויב דער פאַריין האָט געוואָלט צוריקציען די שטיצע פאַר די אַרבעטער, טאָ פאַרוואָס האָט ער בכלל ערלויבט זיי שטרייקן?

עדגאַר

מיר האָבן שוין דאָס באַטראַכט אַ הונדערט מאָל.

ווילדער

פונדעסטוועגן, איך קען עס נישט פאַרשטיין. איך באַגרייף עס פשוט נישט. דער פאַריין זאָגט, אַז די פאָדערונגען פון די מעכאַניקער און פון די הייצערס זענען איבערגעטריבן — און אַזוי זענען זיי טאַקע, — אָבער דאָס איז נישט קיין גענוגנדער גרונד, אַז דער פאַריין זאָל צוריקציען זיין שטיצע. וואָס שטעקט הינטער דעם?

אונדערוואוד

דער פאַריין האָט מורא פאַר אַ נייעם שטרייק אין די פאַבריקן פון הארפער און טינעוועל.

ווילדער

(מיט גרויס צופרידנהייט) מ'האָט מורא פאַר נייע שטרייקן —

נו, דאָס פאַרשטיי איך! פאַרוואָס האָט מען אונז פריִער דאָס ניִשט געזאָגט?

אונדערוואוד

מען האָט עס געזאָגט.

טענטש

איר זייט ניִשט געוועזן יענץ מאָל אויף דער זיִצונג, הער ווילדער.

סקענטלבעריִ

די אַרבעטער האָבן דאָך געדאַרפט פאַרשטיין, אַז אָן דעם פאַריין האָבן זיי ניִשט קיין אויסזיכטן אויף ערפאָלג. ס'איִז אַ פשוטע משוגעת.

אונדערוואוד

ס'איִז ראָבערטס אַרבעט!

ווילדער

ס'האָט געדאַרפט פונקט מיִט אונז טרעפן, אַז דער פיִרער פון די אַרבעטער זאָל זיין אַזאַ פאַנאַטיִקער און אויפהעצער ווי ראָבערטס. (אַ פויזע)

אואָנקליִן

(קוקט אויף ענטאָני) אַלזאָ?

ווילדער

(שלאָגט אים איבער, אומרואיִק) ס'איִז אַן אמתער מיִשמאַש; מיר געפעלט ניִשט אונזער לאַגע; זי געפעלט מיר גאָר-ניִשט; איִך האָב עס שוין לאַנג געזאָגט. (ער קוקט אויף אואָנקליִנען) ווען איך און אואָנקליִן זענען געקומען אַהער פאַר די ווינטער ימים-טובים האָט זיך געדאַכט, אַז די אַרבעטער וועלן ניִשט קענען אויסהאַלטן. איר, אונ-דערוואוד, האָט אויך אַזוי געמיינט.

אונדערוואוד

יאָ.

ווילדער

אָבער זיי האָבן אויסגעהאַלטן. און ביי אונז גייט עס אַלץ ערגער און ערגער — מיר פאַרלירן אונזערע קונדן — די אַקציעס פליִען אַראָפּ!

סקענטלבערי

(שאָקלט מיטן קאָפּ) מ'ם! מ'ם!

אואָנקלין

וויפל האָבן מיר שוין פאַרלוירן דורכן שטרייק, טענטש?

טענטש

העכער 50 טויזנט פונט, הער אואָנקלין.

סקענטלבערי

(מיט ווייטאָג) וואָס זאָגט איר?

ווילדער

מיר וועלן עס קיינמאָל צוריק ניט באַקומען.

טענטש

מיר וועלן ניט, הער ווילדער.

ווילדער

ווער וואָלט עס געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז די אַרבעטער וועלן זיך אַזוי איינשפאַרן? קיינעם איז דאָס ניט איינגעפאַלן. (קוקט מיט כעס אויף טענטש'ן)

סקענטלבערי

(שאָקלט מיטן קאָפּ) איך האָב שטענדיק פיינט געהאַט אַ קאַמף — און איך וועל עס שטענדיק פיינט האָבן.

ענטאָני

מען טאָר זיך ניט אונטערגעבן!

(אַלע קוקן אים אָן)

ווילדער

ווער קלערט עס דען זיך אונטערגעבן? (ענטאָני קוקט אים אָן) איך — איך וויל זיין פּראַקטיש. ווען די אַרבעטער האָבן אין דעצעמבער געשיקט ראָבערטס'ן אונטערהאַנדלען מיט דער פאַרוואַלטונג, דאַן איז געווען די ריכטיקע צייט. מיר האָבן געדאַרפט דאַמאָלסט גיין זיי אַנטקעגן; אָנשטאָט דעם האָט דער פאָרזיצער — (אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פאַר ענטאָני'ס קוק) — ע'ע — האָבן מיר געמאַכט אַזאַ קבלת פנים, אַז ער איז קוים מיטן לעבן אַרויס. וואָלטן מיר דאַן געווען אַביסל טאַקטיש, וואָלטן מיר געקאָנט שוין דאַמאָלסט צו דעם מאַכן אַ סוף.

ענטאָני

קיינע קאָמפּראָמיסן!

ווילדער

נו, נאַט אייך! דער שטרייק דויערט שוין פון אָקטאָבער, און ער קען דאָך דויערן נאָך זעקס מאָנאַטן. און אַ פּיינעם מישמאַש וועלן מיר האָבן צו יענער צייט. דער איינציקער טרייסט איז, אַז די לאַגע פון די אַרבעטער וועט זיין אַ נאָך ערגערע.

עדגאַר

(צו אונדערוואוד) פראַנק, אין וואָס פאַראַ לאַגע אייגנטלעך געפינען זיי זיך איצטער?

אונדערוואוד

(מיט אַ שטים אָן אַן אויסדרוק) אין דער ביטערסטער.

ווילדער

אָבער ווער אין דער גאַנצער וועלט האָט געקאָנט טראַכטן, אַז זיי וועלן אויסהאַלטן אַזוי לאַנג אָן שום שטיצע?

אונדערוואוד

די, וואָס קענען זיי.

ווילדער

איך גלויב נישט, אַז אימיצער זאָל זיי אַזוי גוט קענען! און ווי האַלט עס מיטן צין? די פרייזן שטייגן טעגלעך. און ווען מיר וועלן שוין אָנהויבן אַרבעטן, וועלן מיר מוזן אויספילן אונזערע באַשטעלונגען ביי די העכסטע פרייזן אויף רוי־מאַטעריאַל.

אואָנקלין

וואָס וועט איר זאָגן דערצו, הער פּאָרזיצער?

ענטאָני

נישטאָ קיין ברירה!

ווילדער

מיר וועלן נישט אויסצאָלן די דיווידענדן גאָט ווייס ווי לאַנג!

סקענטלבערי

(אונטערשטרייכנדיק זיינע ווערטער) מיר מוזן האָבן אין זין די אַקציאָנערן. (דרייט זיך שווער אויס) הער פּאָרזיצער, איך זאָג, אַז מיר מוזן האָבן אין זין די אַקציאָנערן. (ענטאָני מורמעלט עפּעס) וואָס?

טענטש

הער פּאָרזיצער זאָגט, אַז ער האָט איך אין זין, הער סקענטלבערי.

סקענטלבערי

(בלייבט ווידער זיצן שטאַר) אַ ציניקער!

ווילדער

ס'איז נישט קיין געלעכטער. אויב אונזער פּאָרזיצער וויל יאָרנלאַנג באַגיין זיך אָן די דיווידענדן, וויל איך עס אין קיין פאַל נישט. מיר קענען זיך מער נישט שפּילן מיט דעם פאַרמעגן פון דער געזעלשאַפט.

עדגאַר

(אַפּיסל שעמעוודיק) מיר דאַכט זיך, אַז מיר דאַרפֿן נעמען אין אַכט די לאַגע פֿון די אַרבעטער.

(אַלע, אַחוץ ע נ ט אָ נ י, באַוועגן זיך אומרואיק אויף זייערע שטולן.)

סקענטלבערי

(מיט אַ זיפֿץ) מיר טאָרן נישט טראַכטן וועגן אונזערע פּער־זענלעכע געפֿילן, יונגערמאַן, דאָס וועט נישט טויגן.

עדגאַר

(איראָניש) איך טראַכט נישט וועגן א ו נ ז ע ר ע געפֿילן. איך טראַכט וועגן די געפֿילן פֿון די אַרבעטער.

ווילדער

וואָס גייט דאָס אונז איצט אָן? מיר זענען געשעפֿטס־לייט.

אוּאָנקלין

דאָס איז דאָך טאַקע די מעשה.

עדגאַר

ווען ס'איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל ליידן, דאַרף מען נישט פֿאַר־פֿאָרן צו ווייט — דאָס וואָלט געווען — דאָס וואָלט געווען גרויזאַם.

(קיינער רעדט נישט קיין וואָרט, פּונקט ווי ע ד ג אַ ר וואָלט גע־זאָגט אַזוינס, וואָס באַליידיקט די זעלבסטווירדע פֿון אַן אָנשטענדיקן מענטשן)

אוּאָנקלין

(מיט אַן איראָנישן שמייכל) איך רעכן, אַז ס'וואָלט געווען אַ גרויסער לוקסוס, ווען מען זאָל אין געשעפֿטן זיך לאָזן באַאיינפֿלוסן דורך סענטימענטן.

עדגאַר

איך קען נישט פֿאַרטראָגן די באַשאַפֿענע לאַגע.

ענטאָני

נישט מיר האָבן אָנגעהויבן דעם קאָנפליקט.

עדגאַר

איך ווייס, אָבער מיר זענען ווירקלעך שוין געגוג ווייט פאַרגאַנגען.

ענטאָני

ניין. — — — — — — — (אַלע קוקן זיך איבער)

אואָנקלין

איבערלאָזנדיק די לוקסוס־זאַכן אָן אַ זייט, מוזן מיר, הער פּאָרזיצער, גוט באַטראַכטן, וואָס וועלן מיר טון ווייטער.

ענטאָני

אויב איר וועט איין איינציק מאָל נאָכגעבן די אַרבע־טער, וועט איר שוין קיינמאָל פון זיי נישט פּטור ווערן.

אואָנקלין

איר זייט גאַנץ גערעכט, אָבער — (ענטאָני שאָקלט מיטן קאָפּ) צי איז דאָס פאַר אייך אַ פראַגע פון אַן אייזנ־פעסטן פּרינציפּ? (ענטאָני שטימט־צו מיטן קאָפּ) דאָס איז דאָך אָבער אויך אַ לוקסוס, הער פּאָרזיצער! געדיינקט, אַז די אַקציעס שטייען שוין נידעריקער פון זייער נאָמינאַלען ווערט.

ווילדער

יאָ, און צו דעם קומענדיקן דיווידענד וועלן זיי אַראָפּ־פאַלן ביז אַ העלפט.

סקענטלבערי

(שטאַרק באַאומרואיקט) וואָס רעדט איר! די לאַגע איז נאָך נישט אַזוי שלעכט!

ווילדער

(פינסטער) איר וועט זען! (בויגט זיך פאָרויס, כדי צו הערן, וואָס ענטאָני זאָגט) איך האָב נישט אינגאַנצן געהערט —

טענטש

(אומזיכער) הער פּאָרזיצער זאָגט אין פראַנצויזיש: „פּעקע–קע–דעבראַ –"

עדגאַר

(שארף) מיין פאָטער זאָגט: „טו, וואָס דו דאַרפסט טון און ס'זאָל זיין, וואָס וועט זיין."

ווילדער

טשש..!

סקענטלבערי

(הויבט-אויף די הענט) אונזער פּאָרזיצער איז אַ סטאָאיקער– איך האָב שטענדיק געזאָגט, אַז ער איז אַ סטאָאיקער!

ווילדער

אַ סך וועט עס אונז העלפן.

אואָנקלין

(ווייך) ווירקלעך, הער פּאָרזיצער, צי וועט איר דערלאָזן, אַז די שיף, אויף וועלכער איר געפינט זיך, זאָל אונטערגיין צוליב — אַ פּרינציפּ?

ענטאָני

די שיף וועט נישט אונטערגיין.

סקענטלבערי

(מיט שטארקער אומרו) יעדנפאַלס האָף איך, אַז זי וועט נישט אונטערגיין, ווייל איך בין אין דער פאַרוואַלטונג.

ענטאָני

(מיט אַ שמייכל אין די אויגן) איר, סקענטלבערי, וועט נאָכטון דער מויז, וואָס פאַרלאָזט די שיף פאַרן אונטערגאַנג.

סקענטלבערי

אָט אַ מענטש!

ענטאָני

איך האָב זיי שטענדיק באַקעמפט; איך בין נאָך קיינמאָל ניט באַזיגט געוואָרן.

אואָנקלין

אין דער טעאָריע זענען מיר אַלע מסכּים מיט אייך, הער פּאָרזיצער; אָבער מיר זענען ניט אַלע פון אייזן.

ענטאָני

מיר דאַרפן נור איינס: דורכהאַלטן.

ווילדער

(שטייט אויף און גייט צום פייער) און דערגיין גלייך צו אַ באַנקראָט!

ענטאָני

בעסער אַ באַנקראָט, איידער אונטערגעבן זיך.

ווילדער

(צערייצט) מעגלעך, אַז איר וואָלט אויף דעם איינגעגאַנגען, הער פּאָרזיצער, אָבער איך, און איך גלויב יעדער איינער פון אונז, האָט וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג.

(ענטאָני קוקט אים אין די אויגן — אַ שווייגן.)

עדגאַר

איך זע ניט ווי אַזוי מיר וועלן קענען פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם, אַז אונזער פּאָליטיק פירט צו אַ הונגער-טויט פון די פרויען און די קינדער פון די אַרבעטער.

(ווילדער דרייט זיך אויס צום פייער און סקענטלבערי שטרעקט-אויס די האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּשטופּן דעם דאָזיקן געדאַנק)

אואָנקלין

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס קלינגט סענטימענטאַל.

עדגאַר

צי ווילט איר זאָגן, אַז געשעפט-לייט זענען באַפרייט פון יעדער אָנשטענדיקייט?

ווילדער

כ׳ווייס נישט, צי אימיצער האָט מער מיטלייד צו די אַרבעטער, ווי איך, אָבער אויב עס געפֿעלט זיי (ער קלאַפּט זיך איבער די קני) זיך איינצושפּאַרן ווי די אייזלען, קענען מיר פֿאַר זיי גאָרנישט טון; מיר האָבן גענוג אַרבעט צו זאָרגן וועגן אונדז אַליין און וועגן די אַקציאָנערן.

עדגאַר

(אויפגערעגט) פֿון אַ יאָר אָדער צוויי אָן דיווידענדן וועלן די אַקציאָנערן זיכער נישט אומקומען; דאָס איז זיכער נישט קיין איבערצייגנדער אַרגומענט.

סקענטלבערי

(פֿילט זיך אומבאַקוועם) איר באַציט זיך זייער לייכטזיניק צו אייערע דיווידענדן, יונגער־מאַן; און איך ווייס גאָרנישט, ווי האַלט עס מיט אונזערע חשבונות —

ווילדער

ס׳איז פֿאַראַן נור איין ריכטיקע שטעלונג צו דעם אַלעמען: מיר קענען נישט דערלאָזן, אַז מיר זאָלן רואינירט ווערן דורכן שטרייק.

ענטאָני

אין קיין פֿאַל נישט אונטערגעבן זיך!

סקענטלבערי

(מיט אַ זשעסט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג) האָב צו טון מיט אים!

(ענטאָני זיצט אָנגעשפּאַרט אויף דעם אָנלען פֿון זיין שטול. אַלע קוקן אויף אים)

ווילדער

(אומקערנדיק זיך צו זיין שטול) נו, אַלץ וואָס איך האָב צו זאָגן איז דאָס: אויב דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פֿון אונזער פֿאָרזיצער, ווייס איך נישט צוליב וואָס זענען מיר דאָ געקומען צו פֿאָרן.

ענטאָני

כדי צו זאָגן די אַרבעטער, אַז מיר האָבן גאָרנישט פאַר זיי – (פאַרפינסטערט) זיי וועלן אין דעם נישט גלויבן, ווילאַנג זיי וועלן עס נישט הערן מיט אייגענע אויערן.

ווילדער

ה'ם! ס'וואָלט מיר גאָרנישט געוואונדערט, אויב די בעס־טיע ראָבערטס וואָלט אונז דאָ אַרויסגערופן טאַקע אויך צוליב דערזעלבער זאַך. איך האָב פיינט אַ מענטשן מיט אַ פּרעטענזיע.

עדגאַר

(מיט אַ פאָרוואורף) מיר האָבן אים נישט באַצאָלט גענוג פאַר זיין ערפינדונג. איך האָב עס שוין דאַמאָלסט געזאָגט.

ווילדער

מיר האָבן אים אויסגעצאָלט פינף הונדערט פונט און דריי יאָר שפּעטער נאָך צוויי הונדערט, און דאָס איז נאָך נישט גענוג! וואָס וואָלט ער אייגנטלעך געוואָלט?

טענטש

(מיט איבערגעגעבנהייט) ער האָלט אין איין זאָגן, אַז די גע־זעלשאַפט האָט אים באַצאָלט זיבן הונדערט און פאַרדינט אויף זיין ערפינדונג צען טויזנט.

ווילדער

דער מענטש איז אַ געוויינלעכער אַגיטאַטאָר! דעם אמת געזאָגט, האָב איך פיינט אַלע פאַריינען. אָבער איצט, אַז דער האַרנעס איז שוין דאָ, וואָלט נישט געשאַד ער זאָל אונז אויסגלייכן דעם גאַנצן עסק.

עַנטאָני

ניין. (אַלע קוקן אים ווידער אָן)

אונדערוואוד

ראָבערטס וועט נישט דערלאָזן, אַז די אַרבעטער זאָלן איינגיין אויף די פאָרשלאַגן פון פאַריין.

סקענטלבערי

וואָס פאַר אַ פאַנאַטיקער!

ווילדער

(קוקט אויף ענטאָני) און נישט דער איינציקער!

(פראָסט גייט אריין פון פאָרצימער.)

פראָסט

(צו ענטאָני) הער האַרנעס, פון אַרבעטער-פאַריין, וואַרט דאָ. די אַרבעטער זענען אויך דאָ.

(ענטאָני שאָקלט צושטימענד מיטן קאָפּ. אונדערוואוד גייט צו די טיר און קומט צוריק מיט האַרנעס'ן, אַ בלאַסן, גלאַט-ראַזירטן מאַן מיט איינגעפאַלענע באַקן, לעבעדיקע אויגן און אַ לאַנגע קין. פראָסט גייט אַרויס.

אונדערוואוד

(אָנווייזנדיק טענטש'ס שטול) זעצט אייך ביטע ביים פאָרזיצער, האַרנעס!

(ווען האַרנעס איז אַריינגעקומען, האָבן זיך די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג צוזאַמענגערוקט און זיך אויסגעדרייט צו אים, ווי אַ טשערעדע בהמות פאַר אַ הונט.)

האַרנעס

(קוקט זיך שאַרף אַרום, בויגט זיך) איך דאַנק אייך. (זעצט זיך, רעדט אַביסל אונטער דער נאָז) איך האָף, מיינע הערן, אַז מיר וועלן ענדלעך ערלעדיקן די זאַך.

ווילדער

ס'איז אָפּהייגניק דערפון, וואָס איר פאַרשטייט אונטער דעם וואָרט ערלעדיקן. פאַרוואָס רופט איר נישט די אַרבעטער זיך שטעלן צו דער אַרבעט?

האַרנעס

(מיט אַ לייכטן חוזק) די אַרבעטער זענען פיל מער גערעכט, ווי איר. ביי אונז שטייט ערנסט די פראַגע, צי מיר וועלן זיי נישט אויפסניי אונטערשטיצן.

(ער איגנאָרירט זיי אַלעמען, אויסער ע נ ט אָ נ י, צו וועמען ער ווענדט זיך)

ע נ ט אָ נ י:

שטיצט זיי אונטער, אויב עס געפעלט אייך. מיר וועלן נעמען פרייע אַרבעטער פון אַ זייט און אַן עק.

ה אַ ר נ ע ס

דאָס וועט זיך אייך נישט איינגעבן. איר וועט נישט באַקומען קיין פרייע אַרבעטער און איר ווייסט דאָס אַליין.

ע נ ט אָ נ י:

מיר וועלן זען.

ה אַ ר נ ע ס

איך רייד מיט אייך אינגאַנצן אָפן. מיר זענען געווען געצוואונגען אָפּצושטעלן אונזער שטיצע פאַר די אַרבעטער, ווייל איינציקע פון זייערע פאָדערונגען שטייגן איבער דעם אָנגענומענעם טאַריף פון פאַריין. איך האָף, אַז זיי וועלן היינט מסכים זיין מיט מיר און צוריקציען די דאָזיקע פאָדערונגען; אויב דאָס וועט געשען, פאַרזיכער איך אייך, אַז מיר וועלן תיכף ווידער אַרויסגעבן זיי שטיצע. נו, און איך וואָלט געוואָלט, אַז היינט זאָל דאָך די זאַך ערלעדיקט ווערן. שוין דאַכט זיך צייט צו מאַכן אַ סוף מיט די דאָזיקע אַלט-מאָדישע פאַרצויגענע קאָנפליקטן. וואָס פאַראַ נוצן ברייגט דאָס אייך? פאַרוואָס ווילט איר נישט אָנערקענען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז די אַרבעטער זענען גלייכע מענטשן מיט אייך, און ווילן האָבן דאָס, וואָס איז גוט פאַר זיי, פונקט ווי איר ווילט האָבן דאָס, וואָס איז גוט פאַר אייך? — (מיט ביטערקייט) אייערע אויטאָמאָבילן און שאַמפּאַניער און מיטאָגן פון אַכט גערעכטן.

ע נ ט אָ נ י:

אויב די אַרבעטער וועלן זיך שטעלן צו דער אַרבעט, וועלן מיר דערבאַלעם פאַר זיי עפעס טון.

האַרנעס

(איראָניש) איז דאָס אײַך אײַער מיינונג, מײַן הער — און אײַער? (די פֿאַרהאַלטונגס־מיטגלידער ענטפֿערן ניש) נו, איך מוז אײַך זאָגן, איך האָב געמיינט, אַז מיר זענען שוין אויסגעוואַקסן פֿון דעם דאָזיקן גאווה'דיקן, אַריסטאָקראַטישן טאָן; אפֿנים, איך האָב אַ טעות געהאַט.

ענטאָני

דאָס איז דער טאָן, מיט וועלכן ס'באַשיצן זיך די אַר־בעטער. מיר וועלן זען, ווער וועט קענען לענגער אויסהאַלטן — זיי אָן אונז, אָדער מיר אָן זיי.

האַרנעס

מיר וואונדערט, אַז איר, געשעפֿטסלײַט, שעמט אײַך נישט, אַז אַזוי פֿיל מענטשלעכע ענערגיע זאָל פֿאַרלוירן גיין אומזיסט. און איר ווייסט דאָך וואָס וועט זײַן דער סוף פֿון דעם.

ענטאָני

וואָס?

האַרנעס

אַ קאָמפּראָמיס. ס'ענדיקט זיך שטענדיק אַזוי.

סקאַנטלבערי

צי קענט איר נישט איבערצייגן די אַרבעטער, אַז זייערע אינטערעסן זענען פּונקט די זעלבע ווי אונזערע?

האַרנעס

(דרייט זיך אויס צו אים, איראָניש) איך וואָלט עס געקאָנט, אויב דאָס וואָלט געווען אמת.

ווילדער

הערט, האַרנעס, איר זײַט אַ קלוגער מענטש, איר גלייבט דאָך נישט אין די אַלע סאָציאַליסטישע פּלאַפּלערייען.

וואָס זענען איצט געוואָרן אַזוי מאָדערנע. צווישן זייערע אינטערעסן און אונזערע איז אין גרונט געווען ניטאָ קיין אונטערשייד.

האַרנעס

איך וואָלט געוואָלט אייך שטעלן איין קליינע פראַגע: ווי וועט איר צאָלן אייערע אַרבעטער איין גראָשן מער, ווי דער לוין וועלכן איר זייט געצוואונגען זיי צו געבן?
(ווילדער שווייגט)

אואָנקלין

(ארײַנמישנדיק זיך) מיין באַשיידענע מיינונג איז שטענדיק געווען, אַז דער אלף-בית פון האַנדל באַשטייט אין דעם, מען זאָל ניט צאָלן מער ווי מען מוז צאָלן.

האַרנעס

(איראָניש) יאָ, אין דעם באַשטייט, ווייזט אויס, דער אלף-בית פון האַנדל; דער דאָזיקער אלף-בית שטייט צווישן אייערע אינטערעסן און די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

סקענטלבערי

(שטילערהייט) מיר וואָלטן געדאַרפט קומען צו אַן אויסגלייך.

האַרנעס

(טרוקן) הייסט עס, איך דאַרף פאַרשטיין אַז די פאַרוואַלטונג וויל ניט מאַכן קיין שום הנחות?

(אואָנקלין און ווילדער מאַכן אַ באַוועגונג, ווי זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער שטעלן זיך אָפּ.)

ענטאָני

(שטימט-צו מיטן קאָפּ) יאָ, קיינע הנחות.

(אואָנקלין און ווילדער מאַכן ווידער דיזעלבע באַוועגונג, סקענטלבערי הויבט-אָן פּלוצים צו קרעכצן).

האַרנעס

איִר האָט געוואָלט, דאַכט זיִך, עפּעס זאָגן?

(סקענטלבעריִ ענטפערט גאָרניִשט)

עדגאַר

(הויבט־אויף פלוצים די אויגן) מיִר פיִלן זייער מיִט דער לאַגע פון דיִ אַרבעטער.

האַרנעס

(אייז־קאַלט) דיִ אַרבעטער דאַרפן ניִשט אייער מיִטגעפיִל. זיי דאַרפן און פאָדערן נור גערעכטיִקייט.

ענטאָניִ

זאָלן זיי טאַקע אַליין זיין גערעכטיִק.

האַרנעס

פאַר אייך, הער ענטאָניִ, באַדייט דאָס וואָרט „גערעכטיִק" „אונטערטעניִק". אָבער פאַרוואָס זאָלן זיי זיין אונטערניִק? אויב ניִשט רעכענען דעם צופעליִקן סימן — פאַרמעגן, — זענען דען זיי ניִשט דיִזעלביִקע מענטשן, וואָס איִר?

ענטאָניִ

אַ נאַריִשקייט!

האַרנעס

איִך ביִן געוועזן פיִנף יאָר איִן אַמעריִקע. דאָס גיִט־צו מיינע באַגריִפן אַ געוויִסע באַפאַרבונג.

סקענטלבעריִ

(פלוציִם, ווי ער וואָלט בקמה־געווּנען פאַר זיין ניִשט פאַרענדיִקטן קרעכץ) זאָלן דיִ אַרבעטער קומען און לאָמיִר הערן, וואָס זיי האָבן אונז צו זאָגן!

(ענטאָניִ שטיִמט־צו מיִטן קאָפּ. אונדערוואוד גייט אַרויס איִן פאָרציִמער)

האַרנעס

(שרויקן) היינט נאָכמיטאָג דאַרף איך מיך טרעפן מיט די אַרבעטער. איך וויל אייך בעטן, מיינע הערן, איר זאָלט אָפּלייגן ביז דאַן אייער ענטגילטיקן באַשלוס.

(ענטאַגי שטיטט־צו מיטן קאָפּ, נעמט זיין גלאָז און טרינקט.

אונדערוואוד קומט צוריק אין מיט אים **ראָבערטס**, **גרין**, **בולגין**, **טאָמאַס**, און **ראַוס**. זיי באַווייזן זיך איבער נאָך דעם צווייטן, מיט די היטלען אין די הענט און שטעלן זיך אויס אין אַ שורה. **ראָבערטס** — דאַר, פֿון אַ מיטלער הויך און אַ ביסל איינגעבויגן, אַ קליין אָפּגעקראָצענעם גראָלעך בערדל און וואָנסעס. ער האָט איינגעפֿאַלענע באַקן מיט ברייטע ביינער און קליינע פֿייערדיקע אויגן. ער טראָגט אַ בלויען וואָלענעם קאָסטיום, שוין אַן אַלטן און באַשמאָלצענעם; אין דער האַנט אַן אַלטער האַרטער קאַפּעליוש. ער שטייט נענטער פֿון אַלע צום פֿאָרזיצער. נעבן אים שטייט **גרין**, — אַ ריינער אָפּגעצערטער פּנים, אַ גראָע ציגן־בערדל און אַראָפּגעלאָזענע וואָנסעס, מילדע אויפֿריכטיקע אויגן און ברילן אין אַן אייזערנעם ראַמל. ער טראָגט אַ פּאַלטאָ, וואָס איז גרין געוואָרן פֿון דער צייט, און אַ געפּרעסטן קאָלנער. נעבן אים שטייט **בולגין**, — אַ הויכער שטאַרקער מאַן, מיט שוואַרצע וואָנסעס און אַ אויסזען פֿון אַ קעמפֿער. ער טראָגט אַ רויטן שאַל. די גאַנצע צייט ליגט ער איבער זיין היטל פֿון איין האַנט אין דער צווייטער. נעבן אים שטייט **טאָמאַס**, — אַן אַלטער מאַן מיט גרויע וואָנסעס, אַ גרויסע באָרד. אַ ביינערדיקן אָפּגעטראָגענעם פּנים. פֿון אונטן דעם פּאַלטאָ זעט מען אַ דאַרן אויסגעציפּטן האַלז. רעכטס פֿון אים שטייט דער יונגסטער פֿון די פֿינף, **ראַוס**. ער זעט אויס ווי אַ סאָלדאַט מיט זיינע אויגן וואָס האָט דעם טויט געזען.)

אונדערוואוד

(מיט אַ באַוועגונג פֿון האַנט) אָט דאָ ביי דער וואַנט, ראָבערטס, שטייען שטולן; רוקט זיי צו און זעצט אייך.

ראָבערטס

מיר דאַנקען אייך, מיסטער אונדערוואוד. מיר וועלן בעסער בלייבן שטיין — אין דער אנוועזנהייט פֿון דער פֿאַרוואַלטונג. (ער רעדט אָפּגעהאַקט און בייסנד, דייטלעך אויסרעדנדיק יעדן אות) גוטמאָרגן, הער האַרנעס! איך האָב נישט גערעכנט צו האָבן דעם פֿאַרגעניגן צו זען אייך פֿריער ווי נאָך מיטאָג.

הארנעס

(געלאסן) שפעטער וועלן מיר זיך ווידער טרעפן, ראבערטס.

ראבערטס

דאס פרייט מיך. מיר וועלן אייך דארט דערציילן נייעס, וועלכע איר וועט דארפן איבערגעבן אייערע.

ענטאני:

וואס ווילן די ארבעטער?

ראבערטס

(סארקאסטיש) איך בעט אייך איבער, איך האב נישט דערהערט אייערע ווערטער.

טענטש

(שטייט הינטערן שטול פון פארזיצער) דער פארזיצער פרעגט, וואס האבן די ארבעטער צו זאגן.

ראבערטס

מיר זענען געקומען הערן, וואס די פארוואלטונג האט צו זאגן. די פארוואלטונג דארף האבן דאס ערשטע ווארט.

ענטאני:

די פארוואלטונג האט גארנישט צו זאגן.

ראבערטס

(קוקט אויף די ארבעטער) אויב אזוי, פטרן מיר אומזיסט די צייט פון די פארוואלטונגס-מיטגלידער. לאמיר זיך בעסער אפטראגן מיט אונזערע שטיחל פון דעם שיינעם דיוואן. (ער קערט זיך אפ, די ארבעטער רירן זיך, פאמעלעך ווי היפנאטיזירט).

אואנקלין

(ווייך) הערט, ראבערטס, איר האט דאך אונז נישט ארויסגעפאדערט, אז מיר זאלן קומען צו פארן אין אזא קעלט בלויז, כדי צו האבן דעם פארגעניגן צו זאגן אונז די פאר ווערטער.

טאָמאַס

ניין, און איך זאָג —

ראָבערטס

(בייסנדיק) רייד ווייטער, טאָמאַס, רייד ווייטער. דו קענסט בעסער פאַר מיר ריידן מיט די דאָזיקע הערן. (טאָמאַס שווייגט)

טענטש

דער פאָרזיצער מיינט, ראָבערטס, אַזוי ווי די אַרבעטער האָבן געפאָדערט די קאָנפערענץ, וויל די פאַרוואַלטונג הערן, וואָס זיי האָבן צו זאָגן.

ראָבערטס

מיין גאָט! ווען איך זאָל אייך אָנהויבן דערציילן אַלץ, וואָס זיי האָבן צו זאָגן, וואָלט איך נישט באַוויזן היינט צו ענדיקן. און עס וואָלטן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וואָלטן באַדויערט, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן זייערע לאָנ־דאָנער פאַלאַצן.

האַרנעס

וואָס פאַראַ פאָרשלאַגן ווילט איר מאַכן? זייט פּראַקטיש.

ראָבערטס

איר ווילט זיין פּראַקטיש, הער האַרנעס? גייט נאָכמיטאָג פאַרן מיטינג. און מאַכט אַ שפּאַציר אַרום דער פאַבריק. (ער קוקט אָן די אַרבעטער, וועלכע שווייגן) איר וועט זען דאָרטן זייער שיינע זאַכן.

האַרנעס

גוט, גוט, מיין פריינט; איר וועט מיר נישט פאַרריידן די ציין.

ראָבערטס

(צו די אַרבעטער) מיר וועלן נישט פאַרריידן די ציין דעם הער האַרנעס. טרינקט אויס אַ גלאָז שאַמפּאַניער ביי אייער פרישטיק, הער האַרנעס; ס'וועט זיין נוצלעך פאַר אייך.

האַרנעס

רעדט צו דער זאַך, מיין פֿריינט.

טאָמאַס

מיר פֿאָדערן ס'עהט איר, נאָר די געוויינלעכע גערעכטיקייט.

ראָבערטס

(גיפֿטיק) גערעכטיקייט פֿון לאָנדאָן? וועגן וואָס רעדט איר, הענרי טאָמאַס? זייט איר משוגע געוואָרן? (טאָמאַס שווייגט) מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז מיר זענען פֿאַר די לאָנדאָנער־לייט נור אומצופֿרידענע הינט, — וואָס קענען קיינמאָל נישט זאַט ווערן. וואָס האָט מיר דער הער פּאָרזיצער געזאָגט אין לאָנדאָן? אַז איך ווייס נישט, וואָס איך רייד; אַז איך בין אַ נאַרישער, נישט געבילדעטער מענטש, וועלכער פֿאַרשטייט גאָרנישט די נויטן פֿון די אַרבעטער אין וועמענס נאָמען איך האָב גערעדט.

עדגאַר

האַלט אייך, ביטע, נעענטער צו דער זאַך.

ענטאָני

(הויבט־אויף די האַנט) ס'קען זיי, נור איין בעל־הבית, ראָבערטס.

ראָבערטס

אויב אַזוי, שווער איך, אַז מיר וועלן זיין די בעלי־בתים.

(אַלע שווייגן. ראָבערטס און ענטאָני קוקן איינער אויף דעם צווייטן.)

אונדערוואוד

אויב איר, ראָבערטס, קענט גאָרנישט זאָגן דער פֿאַרוואַלטונג, וועט איר, אפשר, לאָזן ריידן גרין'ען אָדער טאָמאַס'ן?

(גרין און טאַמאַס װאַרפֿן אומרואיקע בליקן צו ערשט אויף ראָבערטס׳ן, נאָכדעם איינער אויף דעם צווייטן, ענדלעך אויף די אַנדערע אַרבעטער.)

גרין

אויב מען װאָלט זיך צוגעהערט צו מײַנע װערטער.

טאָמאַס

װאָס איך װיל זאָגן, װאָס מיר אַלע װילן זאָגן —

ראָבערטס

רעדט אין אײַער אייגן נאָמען, הענרי טאָמאַס.

סקענטלבערי

(מיט אַ זשעסט, װאָס דריקט אויס אַ געפֿיל פֿון גײַסטיקער פֿאַרלעגנהייט)
לאָזט זיי דאָך רײדן אויף זייער שטייגער! לאָזט זיי איבער זייער נשמה!

ראָבערטס

ריכטיק. זיי דאַרפֿן האָבן זייער נשמה, װײַל איר האָט זיי װייניק קערפּער געלאָזן, הער (בײַסנדיק, װי ס׳װאָלט געװען אַ באַליידיקונג) סקענטלבערי! (צו די אַרבעטער) נו, װילט איר רײדן, אָדער זאָל איך רײדן פֿאַר אײַך?

ראַוס

(פֿלוצלינג) אָדער רייד דו, ראָבערטס, אָדער לאָז אַנדערע רײדן.

ראָבערטס

(איראָניש) איך דאַנק דיר, דזשאָרדזש ראַוס. (װענדנדיק זיך צו ענטאָני) דער פֿאָרזיצער און די פֿאַרװאַלטונג האָבן אונז אָנגעטון דעם כּבוד, פֿאַרלאָזט לאָנדאָן און געקומען אַהער, כּדי אויסהערן, װאָס מיר האָבן זיי צו זאָגן; ס׳װאָלט ניט געװען העפֿלעך זיי נאָך לענגער צו פֿאַרהאַלטן.

ווילדער

אַ דאַנק גאָט אויך דערפאַר!

ראָבערטס

אַז איך וועל ענדיקן, וועט איר, הער ווילדער, נישט האָבן דעם מוט צו לויבן גאָט, נישט געקוקט אויף אייער גאַנצע פרומקייט. ס׳קען זיין, אַז אייער גאָט דאָרט אין לאָנ־דאָן האָט נישט קיין צייט זיך צוהערן צו געוויינלעכע אַרבעטער. איך האָב געהערט, אַז ער איז זייער אַ רייכער, אייער גאָט; אָבער אויב ער וועט אויסהערן דאָס וואָס איך זאָג, וועט ער וויסן מער פון דעם, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט ביי אייך אין די הויכע פענסטער.

האַרנעס

לאָזט שוין, ראָבערטס, איר האָט אייער אייגענעם גאָט, האָט־זשע דרך־ארץ פאַרן גאָט פון אַנדערע.

ראָבערטס

דאָס זייט איר גערעכט. מיר דאָ האָבן אַן אַנדער גאָט; און איך צווייפל, צי ער איז ענלעך צום גאָט פון הער ווילדער. פרעגט העגרי טאָמאַס, וועט ער אייך זאָגן, צי זיין גאָט איז דערזעלבער, ווי דער גאָט פון הער ווילדער.

טאָמאַס ציט אויס די האַנט און הייבט אויף דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביי זאָגן נביאות.)

אונאָנקלין

זייט אַזוי גוט, האַלט אייך ביי דער זאַך, ראָבערטס.

ראָבערטס

איך רעכן טאַקע, אַז דאָס איז פונקט צו דער זאַך, הער אונאָנקלין. אויב איר קענט צווינגען דעם הער גאָט פון קאַפּיטאַל, אַז ער זאָל זיך דורכשפּאַצירן איבער די גאַסן פון אַרבעט און זיך אויפמערקזאַם צוקוקן, וואָס טוט זיך אַרום, וועל איך בייטן מיין מיינונג וועגן אייך. הגם,

איר זייט אַ ראַדיקאַל, וועל איך דאָך מודה זיין, אַז איר זייט אַ בעסערער מענטש, ווי איך האָב גערעכנט.

ענטאָני

הערט זיך צו, ראָבערטס! (ראָבערטס שווייגט) איר זייט דאָ, כדי צו ריידן אין נאָמען פון די אַרבעטער און איך בין דאָ, צו ריידן אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג.

(ער קוקט זיך לאַנגזאַם אַרום. ווילדער, אונאַנקליין און סקאַנטלבערי דריקן אויס אַ געפיל פון פאַרלעגנהייט. עדגאַר זיצט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן. אויף האַרנעס פּנים באַווייזט זיך אַ בלאַסער שמייכל)

ענטאָני

(רעדט ווייטער) זאָגט, וואָס איר האָט צו זאָגן!

ראָבערטס

איך בין גרייט, הער פאָרזיצער!

(אין פאַרלויף פון דער גאַנצער ווייטערדיקער סצענע קוקן זיי איינער דעם צווייטן גלייך אין די אויגן. סיי די אַרבעטער, סיי די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער ווייזן־אַרויס אויף פאַרשיידענע אופנים אַ דערשטיקטן געפיל פון נישט־היימלעכקייט, גלייך, ווי זיי וואָלטן אַזעלכע ווערטער אליין נישט אַרויסגעזאָגט)

ראָבערטס

(רעדט ווייטער) די אַרבעטער קענען זיך נישט ערלויבן צו פאָרן נאָך לאָנדאָן; זיי קענען זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם, אַז איר וועט גלויבן אַלץ, וואָס זיי שרייבן אייך שוואַרץ אויף ווייס. זיי ווייסן, וואָס אַזוינס איז די פּאָסט, (ער וואַרפט אַ בליק אויף אונדערוואָוד'ן און טענטש'ן) און ווי ס'זעען אויס די זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג: — „גיט עס איבער דעם דירעקטאָר פון דער פאַבריק, זאָל דער דירעקטאָר אונז צושטעלן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער, צי מען קען זיי נאָך עפּעס צוקוועטשן"!

אונדערוואוד

(שטילערהייט) זייט נישט, ראָבערטס, עובר אויף די כּללים פון באָקס, שלאָגט נישט נידריקער פון גאַרטל!

ראָבערטס

צי הייסט׳ס נידריקער פון גאַרטל, העד אונדערוואוד? די אַרבעטער ווייסן, ווי דאָס קומט פאָר. ווען איך בין געקומען נאָך לאָנדאָן, האָב איך אייך פאָרגעשטעלט די לאַגע אַזוי ווי זי איז. און וואָס איז פון דעם אַרויסגעקומען? מען האָט מיר געזאָגט, אַז איך ווייס נישט, וואָס איך רייד. איך קען מיר נישט ערלויבן נאָך אַמאָל צו פאָרן קיין לאָנדאָן, כּדי אויסהערן דיזעלבע ווערטער.

ענטאָני

וואָס האָט איר צו זאָגן אין נאָמען פון די אַרבעטער?

ראָבערטס

איך האָב צו זאָגן פאָלגנדעס: ערשטנס וועגן זייער לאַגע. איר וועט שוין נישט דאַרפן פרעגן אייער דירעקטאָר. איר קענט זיי שוין מערער נישט צוקוועטשן. יעדער פון אונז איז אויסגעהונגערט כּמעט ביזן טויט. (א מורמל פון די אַרבעטער. ראָבערטס קוקט זיך אום) איר וואונדערט אייך, וואָס איך זאָג עס אַזוי אָפן? מיר זענען אַלע געבליבן אָן שום מיטלען. אונזער לאַגע קען שוין נישט זיין ערגער, ווי זי איז געווען די פאַרגאַנגענע פאָר וואָכן. דעריבער מיינט נישט, ווען איר וועט נאָך וואַרטן, וועט איר אונז צווינגען זיך אונטערצוגעבן. מיר וועלן גיכער אַלע ווי איין מענטש שטאַרבן פון הונגער. די אַרבעטער האָבן אייך אַהער גערופן כּדי צו דערוויסן זיך איין מאָל פאַר אַלע מאל, אויב איר זייט גרייט נאָכצוגעבן זייערע פאָדערונגען. איך זע, אַז דער סעקרעטאַר האַלט דעם פּאַפּיר מיט אונזערע פאָדערונגען. (טענטש מאַכט א נערוועזע באַמערקונג) דאָס איז׳ס, דאַכט זיך, העד טענטש. ס׳איז נישט גרויס.

טענטש

(צושאָקלנדיק מיטן קאָפּ) אָ, יאָ, דאָס איז עס.

ראָבערטס

אויף דעם דאָזיקן פּאַפּיר געפינט זיך נישט קיין איין שורה פון וועלכער מיר זאָלן זיך קענען אָפּזאָגן. (אַ באַוועגונג צווישן די אַרבעטער. ראָבערטס דרייט זיך אויס שאַרף צו זיי) צי איז דאָס נישט ריכטיק? (די אַרבעטער שטימען אומגערן איין. ענטאָני נעמט דעם פּאַפּיר פון טענטש'ן און קוקט אים דורך) קיין איין שורה נישט. די אַלע פאָדערונגען זענען באַרעכטיקט. מיר האָבן נישט געבעטן קיין איין זאַך, וואָס זאָל אונז נישט קומען לויטן יושר. איך זאָג נאָך אַמאָל דאָס, וואָס איך האָב שוין געזאָגט אין לאָנדאָן: אויף דעם דאָזיקן פּאַפּירל איז נישטאָ קיין איין זאַך, וואָס אַ מענטש מיט יושר זאָל נישט קאָנען אָנעמען.

(אַ שווייגן)

ענטאָני

אויף דעם דאָזיקן פּאַפּיר איז נישט פאַראַן קיין איין פאָדערונג, וועלכע מיר וועלן נאָכגעבן.

(ס'ווערט אַן אַלגעמיינע אויפרודערונג. ראָבערטס קוקט זיך צו אויפמערקזאַם צו די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, און ענטאָני — צו די אַרבעטער. ווילדער שפּרינגט־אויף און גייט צום פייער)

ראָבערטס

איר מיינט דאָס ערנסט?

ענטאָני

יאָ.

(ווילדער מאַכט אַ באַוועגונג פון אומצופרידנהייט)

ראָבערטס

(באַמערקט דאָס, רעדט מיט אַ טרוקענער אָנגעשטרענגטקייט) איר, פאַרשטייט זיך, קענט אַמבעסטן וויסן, אויב די לאַגע פון

דער געזעלשאַפט איז בעסער, איידער די לאַגע פון די אַרבעטער. (אויספאָרשנדיק די פנימער פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלי־דער) איר ווייסט אַמבעסטן צי איר קענט זיך ערלויבן אייער דעספּאָטיזם, — אָבער איין זאַך וויל איך אייך זאָגן: אויב איר מיינט, אַז די אַרבעטער וועלן אָפּטרעטן אויף אַ האָר אפילו, מאַכט איר אַזאַ גראָבן טעות, וועלכן איר האָט אין אייער לעבן קיינמאָל נישט געמאַכט. (קוקט שאַרף אויף סקענטלבער?) איר מיינט, אַז אויב דער פאַריין וויל אונז נישט שטיצן – שעמען זאָל ער זיך – וועלן מיר מוזן זיך שטעלן אין אַ שיינעם פּרימאָרגן פאַר אייך אויף די קני. איר מיינט, אַז די אַרבעטער מוזן נאָרגן פאַר זייערע פרויען און קינדער און צוליב דעם וועלן זיי אין אַ וואָך אָדער צוויי –

ענטאָני

איר וואָלט בעסער ווייניקער שפּעקולירט אויף דעם, וואָס מיר מיינען.

ראָבערטס

איר זייט גערעכט! דאָס ברייגנט אונז ווייניק נוצן! נור אייך, הער ענטאָני, וויל איך זאָגן — איר ווייסט צו וואָס איר פירט! (קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן) אויף אייך קאָן מען זיך פאַרלאָזן!

ענטאָני

(איראָניש) איך דאַנק אייך!

ראָבערטס

אזן איך ווייס אויך צו וואָס איך פיר. און איך זאָג אייך: די אַרבעטער וועלן אָפּשיקן זייערע ווייבער און קינדער אין די דערפער, וואו מען וועט זיי מוזן אויס־האַלטן; און זיי אַליין וועלן גיכער שטאַרבן פון הונגער איידער נאָכגעבן. איך ראַט אייך, הער ענטאָני, זיך צו־גרייטן צו דעם ערגסטן, וואָס עס קאָן געשען מיט אייער

געזעלשאַפט. מיר זענען נישט אַזעלכע עמי-הארצים, ווי איר שטעלט זיך דאָס פאָר. מיר ווייסן, ווי אַזוי אַ קאַץ שפּרינגט. אייער לאַגע איז ווייט נישט אַזעלכע, ווי זי וואָלט געקאָנט זיין — ווייט נישט אַזעלכע!

ענטאָני

זייט אַזוי גוט, און לאָזט אונז אַליין זאָרגן וועגן אונזער לאַגע. גייט אַ היים און באַטראַכט נאָך אַמאָל אייער אייגענע לאַגע.

ראָבערטס

(מאַכנדיק אַ שריט פאָרויס) הער ענטאָני, איר זייט שוין נישט קיין יינגער מענטש; די גאַנצע צייט, וואָס איך געדענק אייך, זייט איר שטענדיק געווען דער שונא פון יעדן אַרבעטער, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין אייער פאַבריק. איך זאָג נישט, דאָס איר זייט אַ געמיינער מענטש, אָדער אַ גרויזאַמער מענטש, אָבער איר האָט זיי נישט ערלויבט צו האָבן די קלענסטע דעה וועגן זייער אייגענעם גורל. איר האָט זיי פיר מאָל באַזיגט. איך האָב געהערט, ווי איר האָט געזאָגט, אַז איר האָט ליב אַ קאַמף. אַלזאָ, געדענקט מיינע ווערטער, איר פירט איצט דעם לעצטן קאַמף אין אייער לעבן.

(טענטש ריהרט ראָבערטס'ן ביים אָרבל)

אונדערוואוד

ראָבערטס! ראָבערטס!

ראָבערטס

ראָבערטס! ראָבערטס! איך טאָר נישט אַרויסזאָגן מיין מיינונג דעם הער פאָרזיצער, אָבער דער הער פאָרזיצער מעג יאָ אַרויסזאָגן מיר זיין מיינונג!

ווילדער

צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען?

ענטאָני

(שמייכלט טריב צו הילדער׳ן) רעדט ווייטער, ראָבערטס; זאָגט, וואָס איר ווילט!

ראָבערטס

(נאָך אַ פּויזע) מער האָב איך נישט וואָס צו זאָגן.

ענטאָני

די זיצונג איז אָפּגעלייגט ביז פינף נאָכמיטאָג.

וואַנקלין

(שטיל צו אונדערהאַוד) אויף אַזאַ אופן וועלן מיר קיינמאָל צו גאָרנישט קומען.

ראָבערטס

(בייסנד) מיר דאַנקען זייער דעם פאָרזיצער און דער פאַרוואַלטונג פאַר דער גרויסמוטיקער אוידיענץ.

(ער גייט צו דער טיר; די אַרבעטער, איבעראַשט, דריקן זיך צונויף איינאיינעם; דאַן ראַוס, הויך אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, גייט פאַרביי ראָבערטס׳ן און גייט אַרויס. די אַנדערע פאָלגן אים נאָך)

ראָבערטס

(מיט דער האַנט אויף דעם שלאָס פון טיר, איראָניש) אַ גוטן טאָג, מיינע הערן! (ער גייט אַרויס)

האַרנעס

(איראָניש) איך גראַטולירט אייך פאַר די וואונדערבאַרע נאָכגיביקייט, וועלכע איר האָט אַרויסגעוויזן. מיט אייער ערלויבניש, מיינע הערן, וועל איך צוריק זיין ביי אייך האַלב זעקס. אַ גוטן טאָג.

(ער פאַרנייגט זיך ליכט, וואַרפט אַ בליק אויף ענטאָני, וועלכער ענטפערט אים מיט אַ רואיקן קוק, און גייט אַרויס. אונדערהאַוד קוקט אים נאָך. אַ מאָמענט פון אומהיימלעכן שווייגן. אונדערהאַוד באַווייזט זיך ווידער.

ווילדער

(מיט אויפגערעגטער אומצופרידנהייט) נו!

(די טיר צום גאסט־צימער עפנט זיך)

ענויד

(שטייט אין דורכגאנג) דער פרישטיק איז פארטיק.

(עדגאר שטייט אויף ראש און גייט פארביי דער שוועסטער)

ווילדער

קומט פרישטיקן, סקענטלבערי.

סקענטלבערי

(שטייט אויף שווערלעך) יאָ, יאָ. ס'איז די איינציקע קלוגע זאך, וואָס מיר קענען איצטער אויפטון.

(זיי גייען אין גאסט־צימער)

אוואַנקלין

(שטיל) ווילט איר באמת, הער פּאָרזיצער, פירן דעם קאַמף ביז צולעצט?

(ע ג ט אָ נ י שאָקלט צושטימענד מיטן קאָפּ)

אוואַנקלין

זייט פאָרזיכטיק! די אמתע חכמה באַשטייט אין דעם, מען זאָל וויסן, וואו זיך אָפּצושטעלן. (ע נ ט אָ נ י ענטפערט נישט. אוואַנקלין רעדט ווייטער מיט גרויס ערנסט) אייער וועג פירט צו אַ קאַטאַסטראָפע. (צו ע נ י ד) די אַלטע טראָיאַנער, פרוי אונדערוואוד, זענען געווען נאַראָנים אין פאַרגלייך מיט אייער פאָטער. (ער גייט אַרויס אין גאסט־צימער)

ענויד

פראַנק, איך וועל איבעררעדן מיטן פאָטער.

(א ו נ ד ע ר ו ו א ו ד גייט אַרויס נאָך א ו אָ נ ק ל י נ ע ן. ט ע נ ט ש ברענגט אין אָרדנונג די פּאַפּירן און די פעדער אויפן טיש)

עניד

דו קומסט, פּאַפּאַ? (ענטאָני שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. מיט אַן אָנצוהערעניש צו טענטש'ן) איר וועט אַשר פּרישטיקן, הער טענטש?

טענטש

(מיט פּאַפּירן אין די הענט) דאַנק אייך, מאַדאַם, דאַנק אייך.

(ער גייט לאַנגזאַם אַרויס, אַרומקוקנדיק זיך)

עניד

(מאַכט צו די טיר) איך האָף, פּאַטער, אַז די זאַך איז ערלעדיקט.

ענטאָני

ניין!

עניד

(שטאַרק אַנטוישט) אָ! איר האָט גאָרנישט אויפגעטון?

(ענטאָני שאָקלט מיטן קאָפּ)

עניד

פראַנק זאָגט, אַז זיי אַלע ווילן אייגנטלעך קומען צו אַ קאָמפּראָמיס-אויסגלייך, אַלע חוץ דעם ראָבערטס'ן.

ענטאָני

איך וויל ניט.

עניד

ס'באַשאַפט זיך פאַר אונז אַן אונערטרעגלעכע לאַגע. ווען דו וואָלסט געווען דעם דירעקטאָרס אַ פרוי, וואָס מוז לעבן דאָ אויפן אָרט און זען דאָס אַלץ! דו קענסט דיר ניט פאָרשטעלן, פּאַפּאַ, וואָס דאָס איז אַזוינס!

ענטאָני

אַזוי?

ע נ י ד

מיר זעען די גאַנצע נויט זייערע. די געדענקסט מיין קאַמערמיידל אנני, וואָס האָט התונה געהאַט מיט ראָבערטס'ן? (ע נ ט אָ נ י שטימט-צו מיטן קאָפּ) זי איז אין אזאַ שרעקלעכער לאַגע, זי האָט אַ קראַנק האַרץ; פון דער צייט אָן, ווי דער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי אפילו נישט קיין רעכט עסן פאַר זיך. איך ווייס גענוי, פּאַפּאַ, אַז דאָס איז אַ פאַקט.

ע נ ט אָ נ י

שיק איר אַלץ, וואָס זי דאַרף.

ע נ י ד

ראָבערטס ערלויבט איר נישט צו נעמען פון אונז, קיין שום זאַך.

ע נ ט אָ נ י

(קוקט פאַר-זיך) איך קען נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די עקשנות פון די אַרבעטער.

ע נ י ד

זייליידן אזוי אַלע, פּאָטער! מאַך אַ סוף צו דעם צוליב מיר!

ע נ ט אָ נ י

(מיט אַ שאַרפן בליק אויף ע נ י ד) דו פאַרשטייסט נישט די דאָזיקע זאַכן, מיין קינד.

ע נ י ד

ווען איך וואָלט געווען אין דער פאַרוואַלטונג, וואָלט איך עפּעס געטון.

ע נ ט אָ נ י

וואָס וואָלסטו געטון?

ענ ̤ יד

ס׳איז אַלץ דערפֿאַר, וואָס דו קענסט ניט פֿאַרטראָגן דעם געדאַנק נאָכצוגעבן. ס׳איז אַזוי —

ענטאָני

נו?

ענ ̤ יד

אַזוי צוועקלאָז.

ענטאָני

וואָס ווייסט דו וועגן צוועקמעסיקייט? לייען דיינע ראָמאַנען, פֿאַרנעם זיך מיט מוזיק, פֿיר דיר דיינע געשפּרעכן, אָבער קום ניט מיר דערציילן אין וואָס באַשטייט דער זין פֿון אַזאַ קאַמף.

ענ ̤ יד

אָבער איך וואוין דאָך דאָ און זע עס מיט מיינע אויגן.

ענטאָני

ווי מיינסטו, וואָס שטייט צווישן דיר, דיין קלאַס און צווישן די אַרבעטער, אויף וועלכע דו האָסט אַזוי רחמנות?

ענ ̤ יד

(קאַלט) איך פֿאַרשטיי ניט דיין פֿראַגע.

ענטאָני

דו און דיינע קינדער וואָלט איר געווען אין אַ פּאָר יאָר אַרום אין דערזעלבער לאַגע ווי די אַרבעטער, ווען ניט די יענע, וואָס קענען זען די זאַכן אַזוי ווי זיי זענען, און וואָס האָבן דעם מוט און די קראַפט זייערס צו באַשטיין.

ענ ̤ יד

דו ווייסט ניט אין וואָס פֿאַראַ לאַגע זענען איצט די אַרבעטער.

ע נ ט אָ נ י

איך ווייס עס גאַנץ גוט.

ע נ י ד

דו ווייסט ניִשט, פּאַפּאַ; ווען דו וואָלסט געוואוסט, וואָלסטו ניִשט —

ע נ ט אָ נ י

דו ווייסט ניִשט די וויכטיִקסטע און די איינפאַכסטע פאַקטן. וואָס וואָלט געשען מיִט דיר, אויב קיינער וואָלט ניִשט געשטאַנען צוויִשן דיר און די אונאויפהעריִקע פאַ־דערונגען פון די אַרבעטער? אָט וואָס — (ער הויבט זיינע הענט צוּם האַלז און דריִקט אים צוגויף) דיינע פיינע סענטימענטן וואָלטן די ערשטע פאַרשוואונדן. דאַן וואָלט פאַרלוירן געגאַנגען דיין קולטור און דיינע באַקוועמלעכקייטן, דיין קאָמפאָרט וואָלט כּסדר זיִך פאַרקלענערט.

ע נ י ד

איך גלויב ניִשט אין מחיצות צוויִשן קלאַסן.

ע נ ט אָ נ י

דו — גלויבסט — ניִשט — אין — מחיצות — צוויִשן קלאַסן?

ע נ י ד

(קאַלט) און איך ווייס ניִשט, וואָס האָט עס צו טון מיִט דער פראַגע.

ע נ ט אָ נ י

איִן אַ דור אָדער צוויי אַרום וועסטו עס פאַרשטיין.

ע נ י ד

דער קאַמף קומט פאָר נור צוליִב דיר און ראָבערטס'ן. און דו ווייסט עס זער גוט (ע נ ט אָ נ י רוקט אַרויס די אונ־טערשטע ליפּ) דאָס וועט די געזעלשאַפט איִנגאַנצן רואיִנירן.

ענטאָני

דאָס לאָז שוין מיר איבער.

ענ־יד

(מיט א טענה) איך וועל נישט רואיק דערלאָזן, אַז די אָרימע אנני ראָבערטס זאָל אַזוי ליידן! און געדענק, פאָטער, וועגן די קינדער! איך וואָרן דיך!

ענטאָני

(מיט א פארדריסלעכן שמייכל) וואָס קלערסטו צו טון?

ענ־יד

דאָס איז שוין מיין זאַך. (ענטאָני קוקט זי אָן)

ענ־יד

(מיט א געענדערטער שטימע, גלעטנדיק אים ביים ארבל) פאָטער, דו ווייסט דאָך, אַז דו טאָרסט זיך נישט אַזוי אָנשטרענגען — דו געדענקסט דאָך וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטאָר פישער!

ענטאָני

אַלטע לייט קענען זיך נישט ערלויבן צו פאָלגן עצות פון אַלטע ווייבער.

ענ־יד

דו האָסט שוין גענוג אויפגעטון, אפילו, אויב דאָס איז פאַר דיר אַזאַ וויכטיקער פרינציפּ.

ענטאָני

דו מיינסט אַזוי?

ענ־יד

פּאַפּאַ, לאָז שוין צו רו! (איר פנים דריקט־אויס אַן אינערלעכע אָנשטרענגונג) דו — דו וואָלסט געקאָנט אַ טראַכט ־ טון וועגן אונז.

ע נ ט אָ נ י

דאָס טו איך טאַקע.

ע נ י ד

אָבער דאָס וועט דיך דאָך צוברעכן.

ע נ ט אָ נ י

(לאַנגזאַם) איך וועל מיין פּאָסטן נישט פאַרלאָזן; דו קענסט זיין גאַנץ זיכער אין דעם, מיין ליבע.

(ט ע נ ט ש קומט צוריק אריין מיט די פּאַפּירן. ער וואַרפט אויף זיי אַ בליק און פּאַסט מוט)

ט ע נ ט ש

איך בעט אייך איבער, מאַדאַם, איך וואָלט אָבער גע־וואָלט ערלעדיקן די דאָזיקע פּאַפּירן נאָך איידער איך גיי פרישטיקן.

(ע נ י ד קוקט אים אָן אומגעדולדיק, דערנאָך ווענדעט זי אירע אויגן אויף איר פאָטער; פּלוצים דרייט זי זיך אויס און גייט אַרויס אין גאַסט־צימער)

ט ע נ ט ש

(דערלאַנגט די פּאַפּירן און די פעדער ע נ ט אָ נ י, שטאַרק נערוועז)

ווילט איר זיין אַזוי גוט אונטערשרייבן די דאָזיקע פּאַ־פּירן, הער ענטאָני?

(ע נ ט אָ נ י נעמט די פעדער און שרייבט אונטער)

ט ע נ ט ש

(שטייט מיט אַ בלעטל לעשפּאַפּיר אין האַנט הינטער דעם שטול, וואו ס'איז געזעסן ע ד ג אַ ר, און רעדט נערוועז) הער ענטאָני, אייך האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם פּאָסטן, וועלכן איך פאַרנעם.

ע נ ט אָ נ י

נו?

טענטש

מיר קומט אויס צו זען אַלץ, וואָס קומט דאָ פאָר; מיין – מיין גורל איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער געזעלשאַפט. אויב מיט איר געשעט עפּיס שלעכטס, וואָלט דאָס געווען אויך פאַר מיר אַ קאַטאַסטראָפע. (ענטאָני שטימט צו מיטן קאָפּ) און די פרוי מיינע האָט נור וואָס געהאַט אַ צווייט קינד; אַזוי אַז היינט בין איך דאָפּלט אומרואיק. און די פּרייזן מיט די שטייערן זענען אין אונזער קוואַרטאַל גאָר שרעקלעך.

ענטאָני

(מיט אַ טריבן הומאָר) נישט שרעקלעכער, ווי אין מיינעם.

טענטש

באמת? (זער נערוועז) איך ווייס, אַז איר זייט שטאַרק צוגעבונדן צו דער געזעלשאַפט, הער ענטאָני.

ענטאָני

ס'איז ריכטיק; איך האָב זי געגרינדעט.

טענטש

יאָ. אויב דער שטרייק וועט ווייטער דויערן, וועט די לאַגע ווערן זייער ערנסט. איך האָב דעם איינדרוק, הער ענטאָני, אַז די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג הויבן אָן דאָס צו פאַרשטיין.

ענטאָני

(איראָניש) אַזוי?

טענטש

איך ווייס, אַז איר זייט אַ מענטש פון פעסטע פּרינציפּן, הער ענטאָני, און אַז איר פלעגט שטענדיק קוקן דער ווירקלעכקייט גלייך אין פּנים; אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די הערן פון פאַרוואַלטונג – איז דאָס – איצט נישט –

געפעלן, איצט, ווען — זיי — זיי האָבען דערזען די
אמתע לאַגע.

ענטאָני

(פארדריסלעך) ווי ס'ווייזט אויס, אייך געפעלט דאָס אויך
נישט.

טענטש

(מיט א נעבעך־שמייכל) איך האָב דאָך קינדער און אַ פרוי
מיט אַ שוואַכן געזונט; אין מיין לאַגע בין איך געצוואונ־
גען צו קלערן וועגן די דאָזיקע זאַכן. (ענטאָני שטימט
צו מיטן קאָפ) אָבער נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן,
הער ענטאָני, און אויב איר וועט מיך אַנטשולדיקן —
(ער קען זיך נישט ענטשליסען)

ענטאָני

נו, רעד־זשע!

טענטש

איך וויים — מיין פאָטער האָט מיר געזאָגט — אַז
אין אַ געוויסן עלטער ווערן מענטשן שטאַרק פילבאַר. —

ענטאָני

(כמעט פאָטערלעך) נו, זאָגט עס שוין, טענטש.

טענטש

ס'איז מיר נישט אנגענעם דאָס צו זאָגן, הער ענטאָני.

ענטאָני

(הארט) איר מוזט דאָס זאָגן.

טענטש

(נאָך אַ פויזע, שיסט־אויס מיט יאוש) דאַכט זיך, אַז די מיטגלי־
דער פון דער פאַרוואַלטונג ווילן אייך אַראָפּוואַרפן, הער
ענטאָני.

ע נ ט אָ נ י

(בלײַבט זיצן רויִק אַ רגע, דאַן) קלינגט אָן!

(ט ע נ ט ש קלינגט נערוועז און שטעלט זיך בײַם פֿײַער)

ט ע נ ט ש

אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב אײַך דאָס געזאָגט, הער ענטאָני. איך האָב געטראַכט נ ו ר וועגן אײַך.

(פֿון פֿאָרצימער קומט אַרײַן פּ ר אָ ס ט, ער שטעלט זיך אָפּ בײַם עק פֿון טיש און קוקט אויף ע נ ט אָ נ י. ט ע נ ט ש פּרובט צו ברענגען די פּאַפּירן אין אָרדנונג, כּדי צו באַהאַלטן זײַן נערוועזקייט)

ע נ ט אָ נ י

ברענג מיר וויסקי מיט סאָדע-וואַסער.

פּ ר אָ ס ט

און עפּעס צו פֿאַרבײַסן, מײַן הער?

(ע נ ט אָ נ י שאָקלט פֿאַרנײַגנד מיטן קאָפּ. פּ ר אָ ס ט גייט צום בופֿעט און גרייט צו דעם געטראַנק)

ט ע נ ט ש

(שטיל, מיט אַ ביטע אין דער שטים) אויב איר וואָלט געקאַנט געפֿונען אַן אויסוועג, הער ענטאָני, וואָלט מיר פֿיל לײַכטער געוואָרן אויפֿן האַרץ, פֿיל לײַכטער (קוקט אויף ענטאָני, וועלכער בלײַבט זיצן אָן באַוועגונג) איך האָב אַזוי פֿיל עגמת-נפֿש צוליב דעם גאַנצן ענין — שוין עטלעכע וואָכן, ווי איך שלאָף נישט, ווי ס'דאַרף זײַן, איך פֿאַרזיכער אײַך.

(ע נ ט אָ נ י קוקט אים אין די אויגן, שאָקלט דערנאָך לאַנגזאַם מיטן קאָפּ)

ט ע נ ט ש

(פֿאַרלירנדיק דעם מוט) ניין, הער ענטאָני? (ער ברענגט ווייטער די פּאַפּירן אין אָרדנונג. פּ ר אָ ס ט שטעלט די וויסקי מיט סאָדע-וואַ-

סער אויף א טאַץ, וועלכע ער שטעלט אַוועק אויפן טיש, רעכטס פון ע נ ט אָ נ י. דערנאָך טרעט ער אַביסל אָפּ, קוקנדיק ערנסט אויף ע נ ט אָ נ י)

פ ר אָ ס ט

דאַרף איך נאָך עפּעס אייך דערלאַנגען, מיין הער? (ע נ ט אָ נ י שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין) איר געדענקט, מיין הער, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט?

ע נ ט אָ נ י

איך געדענק.

(א פּויזע. פּלוצים דערנענטערט זיך פ ר אָ ס ט צו אים און רעדט שטיל)

פ ר אָ ס ט

אָט דער דאָזיקער שטרייק, מיין הער; ער שטרענגט אייך אַזוי אָן. איך בעט אייך אַנטשולדיקן מיך, מיין הער, אָבער צי איז עס — צי לוינט זיך דאָס, מיין הער?

(ע נ ט אָ נ י שטאַמלט עפּיס, וואָס מען קען נישט הערן)

פ ר אָ ס ט

זער גוט, מיין הער!

(ער קערט זיך אום און גייט אַרויס אין פאָרצימער. ט ע נ ט ש פּרובט צוויי מאָל עפּיס צו זאָגן; יעדעס מאָל אָבער טרעפנדיק די אויגן פון ע נ ט אָ נ י לאָזט ער זיינע אויגן אַראָפּ און שטעלט זיך אָפּ. ענדלעך גייט ער אויך אַרויס אומעטיק. ע נ ט אָ נ י בלייבט אַליין. ער נעמט דאָס גלאָז, באַוועגט עס כדי צו מישן דעם געטראַנק און טרינקט לאַנג. דערנאָך שטעלט ער אַוועק דאָס גלאָז מיט א טיפן, הייזעריקן זיפץ און שפּאַרט זיך אָן אויף דעם אָנלען פון שטול)

פ אָ ר ה א נ ג פ א ל ט.

צווייטער אַקט.

ערשטע בילד.

(האַלב פֿיר אַ זייגער. אין קיך פֿון ראָבערטס הײַזל ברענט אַ קליין פֿײַערל. דאָס צימער איז ריין און אויפֿגערוימט. זייער ווייניק מעבל, אַ ציגלנע פּאָדלאָגע, די ווענט אויסגעקאַלכט, אין פֿיל ערטער פֿאַרויכערט. אויפֿן פֿײַער שטייט אַ טשײַניק. אַנטקעגן אויוון געפֿינט זיך אַ טיר, וואָס עפֿנט זיך אינעווייניק פֿון דער פֿאַרשנײַטער גאַס. אויף אַ הילצערנעם טיש — אַ גלאָז מיט אַ שעלכל, אַ עסענץ־טשײַניקל, אַ מעסער און אַ טעלער מיט ברויט און קעז. גאַנץ נאָענט צום אויוון זיצט אין אַן אַלטן פֿאָטעל, אַרומגעוויקלט אין אַ טוך, פֿרוי ראָבערטס, אַ דאַרע פֿרוי פֿון 35 יאָר מיט שוואַרצע האָר און אויגן פֿול מיט געדולד. אירע האָר זענען גלאַט פֿאַרקעמט, צוזאַמענגעבונדן פֿון הינטן מיט אַ באַנד. פֿרוי יעאָ, אַ ווײַב מיט אַ ברייטן פּנים און רויטע האָר שטייט אויך בײַם פֿײַער. בײַם טיש זיצט פֿרוי ראַוס, אַן אַלטעטשקע מיט זילבערנע האָר און אַש־ווײַסן פּנים. בײַ דער טיר שטייט, ווי פֿאַרן אַוועקגיין, פֿרוי בולגין, אַ קליינע, בלאַסע, צוזאַמענגעקנייטשטע פֿרוי; מעדש טאָמאַס, אַ שען מיידל פֿון צוויי און צוואַנציק יאָר, מיט טיף אײַנגעזונצטע אויגן און שוואַרצע צעוואָרפֿענע האָר, זיצט אויף אַ שטול, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויפֿן טיש, האַלט דעם פּנים אין די הענט. זי הערט זיך צו צום געשפּרעך, אָבער בלײַבט אַליין שטיל און זיצט אָן באַוועגונג).

פֿרוי יעאָ

און ער האָט מיר געגעבן זעקס פּענס. דאָס איז געווען דאָס ערשטע ביסל געלט, וואָס איך האָב געזען די וואָך. דער פֿײַער גיט ווייניק היץ. קומט פֿרוי ראַוס, וואַרעמט אײַך. איר זעט אויס אַזוי ווײַס ווי שניי, זעט איר אויס.

פרוי ראוס

(ציטערנדיק-רויִק) אָה! אָבער יענער ווינטער, ווען מיין אַל־טער איז געשטאָרבן, דאָס איז געווען אַ רעכטער ווינ־טער. ס'איז געווען אין ניין און זיבעציקסטן יאָר, ווען איר צוויי — מעדזש טאָמאָס און סוע בולגין — זייט נאָך נישט געבוירן געוואָרן. (זי קוקט אַלע אָן) אנני ראָבערטס, ווי אַלט זייט איר דאַמאָלסט געווען, מיין ליבע?

פרוי ראָבערטס

זיבן, פרוי ראוס.

פרוי ראוס

זיבן — נאָ! נאָך גאָר אַ קליינטשיק קינד!

פרוי יעא

(מיט אַ צולהכעיס־טאָן) נו, און איך בין געווען צען יאָר און איך געדענק עס.

פרוי ראוס

(רויִק) די געזעלשאַפט איז נאָך קיין גאַנצע דריי יאָר נישט געווען אָפן. דער פּאָטער האָט געאַרבעט ביי די זויער־שטאָפּן און דאָרט האָט ער באַקומען אַ פאַר'סמ'טן פוס. איך האָב געהאַלטן אין איין טענה'ן: „פּאָטער, דו האָסט אַ פאַר'סמ'טן פוס". „נו", זאָגט ער, „יאָ אַ פאַר־סמ'טער, נישט אַ פאַר'סמ'טער, איך קען מיר אָבער נישט ערלויבן זיך אַוועקלייגן". און צוויי טעג שפּעטער איז ער שוין געלעגן אין בעט און איז שוין מער נישט אויפגעשטאַנען. אפנים, דאָס האָט געוואָלט די געטלעכע השגחה. און דאַמאָלסט זענען נאָך אויף דער וועלט נישט געווען קיין פאַרזיכערונגס־געזעצן.

פרוי יעא

אָבער איר האָט יענעם ווינטער קיין שטרייק נישט גע־

האָט. (מיט אַ בייזן הומאָר) פאַר מיר איז דער הײַנטיקער ווינטער געגוג שווער. פרוי ראָבערטס, איר דאַרפט נישט האָבן קיין שווערערן ווינטער, דאַרפט איר נישט. איצט וואָלט מען באַדאַרפט גיין צום מיטאָג־עסן. נישט אמת, פרוי בולגין?

פרוי בולגין

פאַר די לעצטע פיר טעג האָבן מיר געהאַט נור ברויט און טיי.

פרוי יעא

איר האָט באַקומען די פרייטאָקדיקע וועש?

פרוי בולגין

(נידערגעשלאָגן) זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן מיר געבן. אָבער ווען איך בין געקומען אַהין פאַראַכטאָגן פרייטאָג, האָבן זיי שוין אַלץ אָפּגעגעבן. איך וועל אַהין די צווייטע וואָך ווידער גיין.

פרוי יעא

אהה! צו פיל פרויען יאָגן זיך נאָך דעם. איך האָב אַוועקגעשיקט יעאָ׳ן צום אייז, ער זאָל העלפן די רייכע לייט אָנטון זייערע גליטש־אייזנס און פאַרדינען עפּיס. ער וועט כאָטש פאַרשפּאָרן אַרומגיין איבער׳ן שטוב מיט מרה־שחורה׳דיקע געדאַנקען.

פרוי בולגין

(מיט אַ טרויעריקער זאַכלעכער שטים) די מענער קאָנען מיר לאָזן אין אַ זייט. ס׳זענען דאָ גענוג צרות מיט די קינדער. איך האַלט זיי אין בעט. זיי ווערן נישט אַזוי הונגעריק, ווען זיי לויפן נישט אַרום; אָבער זיי זענען אַזוי אומרויִק אין בעט, אַז זיי פאַרמוטשען אייך צום טויט.

פרוי יעא

איז זייט כאָטש גליקלעך, וואָס זיי זענען אַזוי קליין.

דאָס גיין אין שול מאַכט זיי הונגעריק; גיט איך בולגין גאָרנישט?

פרוי בולגין

(שאָקלט מיטן קאָפּ נאָכדעם ווי זי וואָלט איבערגעקלערט) איך רעכן, ער וואָלט געגעבן, ווען ער וואָלט געקאָנט.

פרוי יעא

(מיט א ביטערער איראָניע) וואָס? האָט ער דען נישט קיין אַקציעס פון דער געזעלשאַפט?

פרוי ראוס

(אויפשטייענדיק מיט א געמאַכטער פריילעכקייט) נו, אַ גוטן טאָג, אַנני ראָבערטס, איך גיי אַהיים.

פרוי ראָבערטס

בלייבט און נעמט אַ גלאָז טיי, פרוי ראוס!

פרוי ראוס

(מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל) ראָבערטס וועט דאַרפן טרינקען ווען ער וועט אַהיים קומען. איך וועל גיין זיך לייגן אין בעט; דאָס איז דאָס וואַרימסטע אָרט.

(זי באַוועגט זיך צו דער טיר אין אַ ציטער)

פרוי יעא

(אויפשטייענדיק און געבנדיק איר דעם אָרעם) קומט, מוטער, נעמט מיין אָרעם. מיר גייען דעמזעלבן וועג.

פרוי ראוס

(נעמענדיק דעם אָרעם) כ'דאַנק דיר, מיין טייערע.

(זיי גייען ארויס, און באלד נאָך זיי פרוי בולגין)

מעדזש

(באַוועגט זיך צום ערשטן מאָל) דו זעסט, אַנני! איך האָב געזאָגט זשאָרזש ראַוס, „קלער אפילו נישט צו טרעפן זיך

מיט מיר, ביז וואַנעט דו וועסט נישט מאַכן אַ סוף צו דעם גאַנצן עסק. דו דאַרפסט זיך שעמען", האָב איך געזאָגט, „דיין אייגענע מוטער זעט־אויס ווי אַ מת און ס'איז נישטאָ קיין שטיקל האָלץ צו לייגן אויפן פייער. אַזוי לאַנג, ווי איר קענט נאָך האָבן אייער טאַבאַק, וועט איר אונז לאָזן שטאַרבן פון הונגער." „איך שווער דיר, מעדזש", זאָגט ער, „איך האָב נישט געריכערט און נישט געטרונקען די לעצטע דריי וואָכן!" „נו, פאַרוואָס דען ציסט דאָס ווייטער?" „איך קען נישט איבערלאָזן ראָבערטס'ן!" דאָס איז עס! ראָבערטס, שטענדיק ראָבערטס. זיי אַלע וואָלטן נאָכגעגעבן, אויב נישט ער. ווען ער רעדט, גייט אין זיי דער טייוול־אַריין.

(אַ שווייגן. פרוי ראָבערטס מאַכט אַ באַוועגונג פון ליידן)

אהו! דו וואָלסט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין באַזיגט! ער איז דיין מאַן. און אַלע אַרום זען־אויס ווי זייערע אייגענע שאָטנס. (זי קערט זיך צו פרוי ראָבערטס) אויב ראוס וויל מיך האָבן, מוז ער זיך אָפּזאָגן פון ראָבערטסן. אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן, וועלן שוין אַלע אַנדערע טון דאָסזעלבע. זיי וואַרטן נור מ'זאָל זיי פירן. מיין פאָטער איז קעגן אים — זיי אַלע זענען קעגן אים אין האַרצן.

פרוי ראָבערטס
דו וועסט נישט באַזיגן ראָבערטס'ן.

מעדזש
איך וועל נישט? די פחדנים — ווען זייערע אייגענע מוטערס און זייערע אייגענע קינדער ווייסן נישט וואָס מיט זיך צו טון.

פרוי ראָבערטס
מעדזש!

מ ע ד ו ש

(באַטראַכט אויפמערקזאַם פ ר ו י ר אָ ב ע ר ט ס) איך וואונדער מיך, וואָס ער קען אייך קוקן אין פּנים. (זי קנייט און שטרעקט אויס אירע הענט צום פייער) האַרגעס איז ווידער געקומען. זיי וועלן מוזן היינט ענדגילטיק באַשליסן.

פ ר ו י ר אָ ב ע ר ט ס

(מיט אַ ווייכער לאַנגזאַמער שטים) ראָבערטס וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון די הייצערס און מעכאַניקער. ס'וואָלט נישט געווען יושר'דיק.

מ ע ד ו ש

איר וועט מיר נישט אָפּנאַרן. דאָס איז נור זיין גאווה.

(ס'הערט זיך אַ קלאַפּן אין טיר. די פרויען קערן זיך אום און ע נ י ד גייט אריין. זי טראָגט אַ קיילעכדיקן פוטער-היט און אַ זשאַ-קעטקע פון וועווערקע-פוטער. זי פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך)

ע נ י ד

איך קען אַריינגיין, אַני?

פ ר ו י ר אָ ב ע ר ט ס

(מיט אַ שפרונג) פריילין ענידן! מעדוש, גיב אַ שטול דער פרוי אונדערוואוד!

(מ ע ד ו ש גיט ע נ י ד דעם שטול, אויף וועלכן זי איז געזעס

ע נ י ד

איך דאַנק אייך!

ע נ י ד

פילט איר אייך בעסער?

פ ר ו י ר אָ ב ע ר ט ס

יאָ, מאַדאַם; כ'דאַנק אייך, מאַדאַם.

ע נ י ד

(זי קוקט אויף מ ע ד ו ש, ווי זי וואָלט זי געבעטן אַוועקגיין) פּאַר=

וואָס האָט איר צוריקגעשיקט דאָס עסן? דאָס איז זייער ניט שיין פון אייך.

פרוי ראָבערטס

דאַנק אייך, מאַדאַם, כ'האָב עס ניט געדאַרפט האָבן.

עניד

אוודאי! דאָס האָט ראָבערטס געטון, ניט אמת? ווי אַזוי קען ער דערלאָזן, אַז איר זאָלט אַזוי פיל ליידן?

מעדזש

(אומגעריכטערהייט) וואָס פאַר ליידן?

עניד

(ערשטוינט) איך בעט אייך איבער!

מעדזש

ווער האָט געזאָגט, אַז מיר ליידן?

פרוי ראָבערטס

מעדזש!

מעדזש

(זי טוט אָן איר שאַל אויפן קאָפּ) איך בעט אייך, לאָזט אונז אַליין מיט זיך. מיר דאַרפן ניט אייער קומען אַהער און אייער שפּאַנירן אונז.

עניד

(קוקט אויף איר און בלייבט זיצן) איך האָב ניט גערעדט צו אייך.

מעדזש

(מיט אַ שטילער בייזער שטים) האַלט אייערע פיינע געפילן פאַר זיך אַליין. איר מיינט, אַז איר קענט קומען צו אונז, אָבער איר האָט אַ טעות. גייט צוריק און זאָגט דאָס דעם דירעקטאָר.

ע נ י ד

(קאַלט ווי אַ שטיין) דאָס איז נישט אייער הויז.

מ ע ד ז ש

(גייט צום טיר) ניין, דאָס איז נישט מיין הויז. פון מיין הויז האַלט זיך ווייט, פרוי אונדערוואוד.

(זי גייט אַוועק. ע נ י ד קלאַפּט מיט די פינגער איבערן טיש)

פ ר ו י ר אָ ב ע ר ט ס

איך בעט אייך זייט מוחל מעדזש טאָמאַס, מאַדאַם; זי איז היינט אַביסל אויפגערעגט. (אַ פּויזע)

ע נ י ד

(קוקט זי אָן) אָ, מיר דאַכט זיך, זיי זענען אַלע אַזוי נ אַ ר י ש, זיי אַלע צוזאַמען.

פ ר ו י ר אָ ב ע ר ט ס

(מיט אַ בלאַסן שמייכל) יאָ, מאַדאַם.

ע נ י ד

ראָבערטס איז אַוועקגעגאַנגען?

פ ר ו י ר אָ ב ע ר ט ס

יאָ, מאַדאַם.

ע נ י ד

דאָס איז זיין אַ ר ב ע ט, וואָס זיי זענען נישט געקומען צו אַן אויסגלייך. צי איז דען דאָס נישט אמת, אַנני?

פ ר ו י ר אָ ב ע ר ט ס

(היידך, אירע אויגן געווענדעט צו ע נ י ד, די פינגער פון איין האַנט באַוועגן זיך אומאויפהערלעך אויף איר ברוסט) זיי זאָגן, אַז דאָס איז אייער פאָטער, מאַדאַם —

ע נ י ד

מיין פאָטער ווערט שוין אַן אַלטער מאַן, און איר ווייסט, וואָס אַלטע לייט זענען.

פרוי ראָבערטס

עס טוט מיר לייד, מאַדאַם.

ענid

(חייכער) איך ערוואַרט ניִשט, עס זאָל אייך טון לייד, אַגניִ. איך ווייס, אַז דאָס איז זיין שולד פונקט אַזוי ווי ראָבערטס׳ס.

פרוי ראָבערטס

עס טוט מיר לייד פאַר יעדן, וואָס ווערט אַלט, מאַדאַם; ס׳איז אַזאַ שרעק צו ווערן אַלט און איך האָב שטענדיק געהאַלטן, אַז הער ענטאָניִ איז אַזאַ פיינער מאַן.

ענid

(אימפולסיוו) ער האָט אייך שטענדיק ליב געהאַט, איר געדענקט. ניִשט? זאָגט, וואָס וואָלט איך פאַר אייך געקאָנט טון? איך וואָלט אַזוי געוואָלט וויסן. איר באַקומט ניִשט דאָס, וואָס איר דאַרפט האָבן. (זי גייט צום פייער, נעמט־אַראָפּ דעם טשייניִק און קוקט אין די קוילן) און איר זייט אַזאַ שלעכטע און שיקט אָפּ צוריק די זופּ און אַנדערע זאַכן.

פרוי ראָבערטס

(מיט אַ בלאַסן שמייכל) יאָ, מאַדאַם!

ענid

(מיט אַ פּראָטעסט) וואָס, איר האָט אפילו ניִשט קיין קוילן?

פרוי ראָבערטס

איך בעט אייך, מאַדאַם, שטעלט־צוריק דעם טשייניִק. ווען ראָבערטס וועט קומען וועט ער ניִשט האָבן קיין איבעריקע צייט צו טריִנקען זיין טיי. ער דאַרף זיך טרעפן מיט די אַרבעטער פיר אַ זייגער.

ענid

(שטעלט צוריק דעם טשייניִק) דאָס הייסט, אַז ער וועט זיי ווי־

דער אויפהעצן ביז אין משוגעת אַריין. קענט איר אים
נישט אָפּשטעלן, אַנני? (פרוי ראָבערטס שמייכלט איראָניש)
האָט איר געפּרובט? (א שווייגן) צי ווייסט ער, ווי קראַנק
איר זייט?

פרוי ראָבערטס

דאָס איז נור מיין שוואַך האַרץ, מאַדאַם.

ענ יד

איר האָט אייך אַזוי גוט געפילט, ווען איר זייט געווען
מיט אונז.

פרוי ראָבערטס

(ווערנדיק שטייף) ראָבערטס איז שטענדיק גוט פאַר מיר

ענ יד

אָבער איר וואָלט געדאַרפט האָבן אַלץ אין וואָס איר
נויטיקט זיך, און איר האָט גאָרנישט!

פרוי ראָבערטס

(מיט א בעטנדיקער שטים) זיי זאָגן, אַז איך זע נישט אויס
ווי אַ שטאַרבנדע פרוי?

ענ יד

אוודאי, זעט איר נישט אויס אַזוי; ווען נור איר וואָלט
געהאַט אַ געהעריקע — וועט איר צולאָזן מיין דאָקטאָר,
אויב איך וועל אים צושיקן צו אייך? איך בין זיכער,
ער וואָלט אייך געהאָלפן.

פרוי ראָבערטס

(מיט א שוואַכן שמייכל) יאָ, מאַדאַם.

ענ יד

מעדוש טאָמאַס וואָלט נישט געדאַרפט קומען אַהער; זי
רעגט אייך נאָר אויף. גלייך ווי איך וואָלט נישט גע-
וואוסט, וואָס פאַר אַ לײַדן ס'איז פאַראַן איצט צווישן די

אַרבעטער! דאָס האַרץ טוט מיר ווײ פֿאַר זײ, אָבער, איר ווײסט, זײ האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס.

פֿ ר ױ ר אָ ב ע ר ט ס

(באַוועגט אומאױפֿהערלעך מיט די פֿינגער) זײ זאָגן, אַז ס'איז נישטאָ קײן אַנדער מיטל צו באַקומען בעסערע לױנען, מאַדאַם.

ע נ י ד

(ערנסט) אָבער, אַנני, דאָס איז דאָך די סבה, פֿאַרוואָס דער פֿאַרײן וויל נישט קומען זײ צו הילף. מײַן מאַן סימפּאַטיזירט מיט די אַרבעטער, אָבער ער זאָגט, אַז זײ באַקומען נישט צו ווײניק.

פֿ ר ױ ר אָ ב ע ר ט ס

נײן, מאַדאַם?

ע נ י ד

זײ פֿאַרקלערן זיך גאָר נישט, ווי וואָלט די געזעלשאַפֿט געקאָנט גײן, אויב מיר וואָלטן געצאָלט די לױנען, וואָס זײ פֿאָדערן.

פֿ ר ױ ר אָ ב ע ר ט ס

(מיט אַן אָנשטרענגונג) אָבער די פֿאַרדינסטן פֿון דער געזעל-שאַפֿט זענען דאָך געווען אַזױ גרױס, מאַדאַם.

ע נ י ד

(ווי געטראָפֿן אומגעריכט) איר אַלע קלערט, אַז די אַקציאָ-נערן זענען רײַכע לײַט, אָבער זײ זענען דאָס נישט. דער גרעסטער טײל פֿון זײ זענען באמת אין נישט קײן בעסערער לאַגע ווי די אַרבעטער. (פֿ ר ױ ר אָ ב ע ר ט ס שמײכלט) זײ דאַרפֿן דאָך אָפּהיטן די געהעריקע עטיקעט.

פֿ ר ױ ר אָ ב ע ר ט ס

יאָ, מאַדאַם?

עניד

איר דאַרפֿט ניט צאָלן שטייער און אָפּצאָלונגען, און הונדערט אַנדערע זאַכן, וואָס זיי מוזן צאָלן. אויב די אַרבעטער וואָלטן ניט פֿאַרשווענדעט אַזוי פֿיל געלט אויף טרינקען און שפּילן, וואָלטן זיי געקאָנט גאַנץ גוט לעבן.

פֿרוי ראָבערטס

זיי זאָגן, אַז אַרבעטנדיק אַזוי שווער, מוזן זיי אויך האָבן אַביסל פֿאַרגעניגן.

עניד

אָבער ניט אַזעלכע געמיינע פֿאַרגעניגנס.

פֿרוי ראָבערטס

(אַביסל אָנגעצייגט) ראָבערטס טרינקט ניט; און קיין איין מאָל נאָך אין זיין לעבן האָט ער ניט געשפּילט.

עניד

אהו! אָבער ער איז דאָך ניט קיין געוויינ— איך מיין, ער איז אַ מעכאַניקער, — אַ העכערער אַרבעטער.

פֿרוי ראָבערטס

יאָ, מאַדאַם. ראָבערטס זאָגט, אַז זיי האָבן ניט קיין געלעגנהייט צו אַנדערע פֿאַרגעניגנס.

עניד

(פֿאַרטראַכט זיך) אוודאי, איך ווייס, אַז ס'איז אַ האַרבע זאַך.

פֿרוי ראָבערטס

(מיט אַ לייכטער איראָניע) און זיי זאָגן, אַז די פֿיינע לייט פֿירן זיך אויך פּונקט אַזוי שלעכט אויף.

ע נ יִ ד

(מיִט אַ שמייכל) איך וויִל קיינעם ניִשט פֿאַרטיידיִקן, אַנגיִ, אָבער איִר ווייסט אַליין, אַז דאָס איִז אַן אוּנזיִן.

פֿ ר וֹ י ר אָ ב ע ר ט ס

(מיִט אַ ליידנשאַפֿטלעכער אָנשטרענגוּנג) פֿיִל אַרבעטער גייען איִן גאַנצן ניִשט איִן שענק אַריין; אָבער אַפֿילוּ זיי קענען אָפּשפּאָרן בלויז אַ קלייניִקייט, אוּן דאָס ווערט אויך פֿאַרברויכט, ווען עס טרעפֿט אַ קראַנקייט.

ע נ יִ ד

זיי האָבן דאָך אָבער זייערע פֿאַרזיִכערוּנגס־קלוּבן, ציִ ניין?

פֿ ר וֹ י ר אָ ב ע ר ט ס

דיִ קלוּבן גיִבן נוּר 16 שיִליִנג אַ וואָך, מאַדאַם, אוּן דאָס איִז ניִשט קיין סך פֿאַר אַ גאַנצער פֿאַמיִליע. ראָבערטס זאָגט, אַז דאָס אַרבעטער־פֿאָלק האָט שטענדיִק געלעבט פֿוּן האַנט ביִזן מויל. זיי זאָגן, אַז זעקס פּענס היינט איִז מער ווערט, וויִ צוועלף מאָרגן.

ע נ יִ ד

אָבער דאָס איִז דאָך דער גייסט פֿוּן אַ ריִזיִקאַליִשן שפּיִל.

פֿ ר וֹ י ר אָ ב ע ר ט ס

(מיִט אַ געוויִסער אויפֿרעגוּנג) ראָבערטס זאָגט, אַז דאָס גאַנצע לעבן פֿוּן אַן אַרבעטער איִז אַ ריִזיִקאַליִש שפּיִל, פֿוּן דער צייט ווען ער ווערט געבוירן, ביִז דעם טאָג ווען ער שטאַרבט.

(ע נ יִ ד פֿאַרנייגט זיִך פֿאָרויס, פֿאַריִנטערעסיִרט. פֿ ר וֹ י ר אָ ב ע ר ט ס רעדט ווייטער מיִט אַ וואַקסנדער אויפֿרעגוּנג, וועלכע דערגרייכט איִר הויך ביי דיִ לעצטע ווערטער)

ער זאָגט, מאַדאַם, אַז ווען אַ קיִנד פֿוּן אַן אַרבעטער ווערט געבוירן, איִז עס דיִ גאַנצע צייט אַזאַ שפּיִל, ציִ

וועט ער פאַרבלייען ביים לעבן צו ניִשט. און אַזוי גייט עס זיין גאַנץ לעבן: — און ווען ער ווערט אַלט, איִז זיין אָרט אָדער איִן מושב-זקנים אָדער איִן קבר. ער זאָגט, אַז אויב דער אַרבעטער איִז ניִשט זייער אַ קאַרגער, וואָס נעמט אַוועק פון מויל ביי זיִך און ביי זיינע קיִנדער, קען ער ניִשט האָבן ניִשט קיין איִבעריִקס און איִז ניִשט זיִכער מיִטן מאָרגן. דאָס איִז די סבה, פאַרוואָס ער האָט ניִשט געוואָלט האָבן קיין קיִנדער, (זי פאַלט צוריִק) ניִשט קוקנדיִק אויף דעם, וואס איִך האָב זיי יאָ געוואָלט האָבן.

ענִיד

יאָ, יאָ, איך ווייס!

פרוי ראָבערטס

ניין, איִר ווייסט ניִשט, מאַדאַם. איִר האָט אייערע קיִנדער און איִר וועט קיינמאָל ניִשט דאַרפן זאָרגן וועגן זיי.

ענִיד

(צערטלעך) איִר דאַרפט ניִשט ריידן אַזוי פיִל, אַנני. (דאַן קעגן איִר אייגענעם ווילן) אָבער ראָבערטס האָט דאָך באַקומען אַ סך געלט פאַר זיין ערפיִנדונג.

פרוי ראָבערטס

(וואַרנדיק זיִך) אַלץ וואָס ראָבערטס האָט אָפגעשפּאָרט איִז אַוועק. ער האָט שטענדיִק געוואַרט אויף דעם שטרייק. ער זאָגט, אַז ער האָט ניִשט קיין רעכט אויף אַ גראָשן, ווען אַנדערע הונגערן. ניִשט אַלע פון זיי טוען דאָס זעלבע. ס'זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס ס'גייט זיי גאָרניִשט אָן, אַבי זיי זאָלן באַקומען זייערס.

ענִיד

איִך ווייס ניִשט, ווי אַזוי קען מען דאָס פון זיי ער-

וואַרטן, ווען זיי ליידן אַזוי שרעקלעך. (מיט אַ געענדערטער שטים) אָבער ראָבערטס וואָלט געדאַרפט קלערן וועגן אייך! דאָס איז אַלץ אַזוי שרעקלעך; דאָס וואַסער קאָכט שוין. זאָל איך פאַרבריִען טיי? (זי נעמט דעם עסענץ־טשייניקל, זעט, אַז דאָרט איז פאַראַן טיי, און גיסט אַריין וואַסער) ווילט איר אַ גלאָז טיי?

פרוי ראָבערטס

ניין, דאַנק אייך, מאַדאַם. (זי הערט זיך צו, ווי צו עמיצנס טריט) איך וואָלט בעסער געוואָלט, אַז איר זאָלט ניט זען ראָבערטסן, מאַדאַם, ער ווערט אַזוי ווילד.

ענִיד

אהי אָבער איך מוז אַנני; איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל זיין גאַנץ רואיק.

פרוי ראָבערטס

פאַר אים איז עס לעבן אָדער טויט, מאַדאַם.

ענִיד

(זייער צערטלעך) איך וועל זען איבערצורעדן מיט אים אויף דער גאַס. מיר וועלן אייך ניט אויפרעגן.

פרוי ראָבערטס

(בלאַס) ניין, מאַדאַם.

(זי גיט אַ שפרונג. ראָבערטס איז אַריינגעגאַנגען אומבאַמערקט)

ראָבערטס

(נעמט אַראָפּ זיין היט — מיט אַ חוזק־טאָן) אַנטשולדיקט, וואָס איך בין צוויי געגאַנגען. איך זע, אַז איר זייט פאַרנומען מיט אַ דאַמע.

ענִיד

קען איך ריידן מיט אייך, הער ראָבערטס?

ראָבערטס

מיט וועמען האָב איך דעם פאַרגעניגן צו ריידן, מאַדאַם?

ענייד

איר קענט מיך דאָך זיכער! איך בין פרוי אונדערוואוד.

ראָבערטס

(מיט אַן איראָנישן בויג) די טאָכטער פון אונזער פאָרזיצער?

ענייד

(ערנסט) איך בין געקומען ספּעציעל, כּדי מיט אייך צו ריידן; ווילט איר אַרויסגיין מיט מיר אויף אַ מינוט?

(זי קוקט אויף פרוי ראָבערטס)

ראָבערטס

(הענגט אויף זיין הוט) איך האָב אייך גאָרנישט צו זאָגן, מאַדאַם.

ענייד

אָבער איך מוז ריידן מיט אייך, איך בעט אייך.

(זי באַוועגט זיך צו די טיר)

ראָבערטס

(מיט אַ פּלוצלינגער בייזקייט) איך האָב נישט קיין צייט אייך צו הערן!

פרוי ראָבערטס

דוד!

ענייד

הער ראָבערטס, איך בעט אייך!

ראָבערטס

(נעמט אַראָפּ זיין פּאַלטאָ) עס טוט מיר לייד נישט צו טון אַ געפעליקייט אַ דאַמע — דער טאָכטער פון הער ענטאָני.

עניד

(וואקלענדיק זיך, דאן מיט א פלוצלינגען באשלוס) הער ראָבערטס, איך ווייס, אַז איר האָט נאָך היינט אַ מיטינג פון די אַרבעטער.

(ראָבערטס בויגט זיך)

איך בין געקומען, כדי צו אייך זיך ווענדן מיט אַ בקשה. איך בעט אייך זייער, זעט קומען צו וועלכן ניט איז אויסגלייך; זייט אַביסעלע נאָכגיביק, כאָטש נור צוליב אייער אייגענער טובה.

ראָבערטס

(רעדט צו זיך אליין) די טאָכטער פון הער ענטאָני בעט מיך צו זיין אַביסעלע נאָכגיביק, כאָטש נור צוליב אונזער אייגענער טובה.

עניד

פאר אַלעמענס וועגן. צוליב דער טובה פון אייער פרוי.

ראָבערטס

צוליב דער טובה פון מיין פרוי, צוליב אַלעמענס טובה. — צוליב דער טובה פון הער ענטאָני.

עניד

פאַרוואָס זענט איר אַזוי פאַרביטערט קעגן מיין פאָטער? ער האָט אייך קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטון.

ראָבערטס

טאַקע, אין אמתן, קיינמאָל נישט?

עניד

ער קען נישט ענדערן זיינע פּרינציפּן פונקט אַזוי, ווי איר קענט נישט ענדערן אייערע.

ראָבערטס

באמת, איך האָב נישט געוואוסט, אַז איך האָב דאָס רעכט צו האָבן פּרינציפּן!

ענ̇יד

ער אי̇ז אַן אַלטער מאַן, און אי̇ר —

(זי̇ שטעלט זי̇ך אָפּ, זעענדי̇ק זי̇יַנע אויגן, וועלכע קוקן אויף אי̇ר)

ראָבערטס

(ני̇שט הויבנדי̇ק די̇ שטי̇ם) אויב אי̇ך וואָלט געזען הער ענ־טאָני̇ ביים טויט, און אי̇ך וואָלט געקאָנט אי̇ם ראַטעווען מי̇טן אויפהויבן מיין האַנט, וואָלט אי̇ך ני̇שט אויפגעהויבן אפילו דעם קליינעם פי̇נגער.

ענ̇יד

אי̇ר — אי̇ר — (זי̇ שטעלט זי̇ך ווי̇דער אָפּ, בייסנדי̇ק די̇ לי̇פּן)

ראָבערטס

אי̇ך וואָלט ני̇שט אויפגעהויבן, און דאָס אי̇ז עס.

ענ̇יד

(קאַלט) אי̇ר מיינט ני̇שט באמת דאָס וואָס אי̇ר זאָגט, און אי̇ר ווייסט דאָס אַליין!

ראָבערטס

אי̇ך מיין באמת יעדעס וואָרט וואָס אי̇ך האָב געזאָגט.

ענ̇יד

אָבער פאַרוואָס?

ראָבערטס

(מי̇ט א בלי̇ק אין די̇ אויגן) הער ענטאָני̇ שטייט פאַר דעספּאָ־טי̇זם! אָט פאַרוואָס!

ענ̇יד

אונזי̇ן!

(פרוי ראָבערטס מאכט א באַוועגונג צו אויפשטיין. אָבער זי̇ פאַלט צורי̇ק אין אי̇ר שטול)

ענִיד

(מִיט א גִיבּער באַוועגונג) אַנגִי!

ראָבערטס

איִך בעט נִישט צו באַרִירן מיין פרוי!

ענִיד

(אָפּטרעטנדִיק מִיט אַ מין שרעק) איִך גלויב — אִיר זייט משוגע.

ראָבערטס

דאן אִיז דאָס הויז פון אַ משוגע׳נעם נִישט קיין פּאַסנ=
דער אָרט פאַר אַ דאַמע.

ענִיד

איִך האָב נִישט מורא פאַר אייך.

ראָבערטס

(בּויגנדִיק זִיך) איִך האָב גאָרנִישט ערוואַרט, אַז דִי טאָכ=
טער פון הער ענטאָנִי זאָל האָבן מורא. הער ענטאָנִי
אִיז נִישט קיין פּחדן, ווִי דִי אַלע אִיבערִיקע.

ענִיד

(פּלוצלִינג) איִך שטעל מִיר פאָר, אַז אִיר האַלט פאַר העל=
דִיש צו פִירן ווייטער דעם קאמף?

ראָבערטס

האַלט הער ענטאָנִי פאַר העלדִיש צו קעמפן קעגן פרויען
און קִינדער? איִך רעכן, אַז הער ענטאָנִי אִיז אַ רייכער
מענטש; האַלט ער פאַר העלדִיש צו קעמפן קעגן דִי,
וואָס האָבן קיין גראָשן נִישט? האַלט ער פאַר העלדִיש
צו צווִינגען, אַז קִינדער זאָלן וויינען פון הונגער און
פרויען זאָלן צִיטערן פון קעלט?

ענִיד

(שטרעקט=אויס די האַנט, ווִי זִי וואָלט זִיך געווערט פון אַ קלאַפּ) מיין

פֿאָטער האַנדלט אין הסכם מיט זיינע פּרינציפּן, און איר ווייסט דאָס!

ראָבערטס

און איך טו דאָס זעלבע!

ענִיד

איר האָט אונז פֿיינט; און איר קענט ניט פֿאַרטראָגן צו זיין אַ באַזיגטער.

ראָבערטס

הער ענטאָני, וואָס ער זאָל נישט זאָגן, קאָן דאָס אויך נישט פֿאַרטראָגן.

ענִיד

יעדנפֿאַלס, איר וואָלט געקאָנט האָבן רחמנות אויף אייער פֿרוי.

(פֿרוי ראָבערטס, וואָס האָט געהאַלטן צוגעפּרעסט די האַנט צום האַרצן, געמט אַוועק די האַנט און פּרובט צו באַרואיקן איר אָטעם)

ראָבערטס

מאַדאַם, איך האָב אייך מער נישט, וואָס צו זאָגן.

(ער נעמט דאָס ברויט. עס גיט אַ קלאַפּ אין די טיר און אונדערוואוד גייט אַריין. ער שטייט קוקנדיק אויף זיי, ענִיד ווענדעט זיך צו אים, ער בלייבט אומבאַשלאָסן)

אונדערוואוד

ענִיד!

ראָבערטס

(איראָניש) איר האָט נישט געדאַרפֿט קומען נאָך אייער פֿרוי, הער אונדערוואוד. מיר זענען נישט קיין לאָבוזעס.

אונדערוואוד

איך ווייס עס, ראָבערטס. איך האָף, פֿרוי ראָבערטס פֿילט זיך בעסער.

(ראָבערטס דרייט זיך אויס און גיט נישט קיין ענטפֿער)

קום, ענִיד!

ענ׳ד
איך ווענדע מיך צו אייך נאָכאַמאָל מיט אַ ביטע. הער ראָבערטס, טוט׳ס צוליב אייער פרוי.

ראָבערטס
(מיט אַ העפלעכער איראָניע) אויב ס׳איז מיר ערלויבט אייך צו געבן עצות, מאַדאַם, — טוט עס צוליב אייער מאַן און אייער פאָטער.

(ענ׳ד, דערשטיקנדיק אַן ענטפער, גייט אַרויס. אונדערוואוד עפנט איר די טיר און גייט איר נאָך. ראָבערטס גייט צום פייער און שטרעקט אויס די הענט צום שטאַרבנדן פלאַם)

ראָבערטס
ווי האַלט עס, מיין מיידעלע? פילסטו זיך בעסער?

(פרוי ראָבערטס שמייכלט בלאַס. ער ברענגט זיין פאַלטאָ און ווילקלט זי אין אים)

(גיט אַ קוק אויף דעם זייגער) צען מינוט צו פיר! (מיט אַ מאָל ווי באַגייסטערט) איך האָב געזען זייערע פנימער, ס׳איז נישטאָ קיין קאַמף אין זיי אויסער דעם איינעם אַלטן באַנדיט.

פרוי ראָבערטס
ווילסטו נישט בלייבן אַ מינוט און איבערבייסן, דוד? דו האָסט נאָך גאָרנישט געגעסן דעם גאַנצן טאָג!

ראָבערטס
(צווייגנדיק זיין האַנט צום האַלז) איך קען גאָרנישט שלינגען, ביז וואַנען די דאָזיקע שאַקאַלן וועלן נישט אָפּפּאָרן פון שטאָט. (ער גייט אַהין און צוריק) איך וועל האָבן אַ שטיקל אַרבעט מיט די אַרבעטער — זיי האָבן נישט קיין האַרץ צום קאַמף, די פּחדנים. זיי זענען בלינד ווי קראָטן — זיי קענען נישט זען אַ טאָג ווייטער ווי זייער נאָז.

פֿרוי ראָבערטס

דאָס איז צוליב די פֿרויען, דוד.

ראָבערטס

אָ! זיי זאָגן אַזוי! זיי דערמאָנען זיך וועגן די פֿרויען, ווען זייערע אייגענע קישקעס הויבן אָן צו זינגען! די פֿרויען קענען זיי קיינמאָל נישט אָפּהאַלטן פֿון טרינקען; ווען מען דאַרף אָבער אַביסל אַליין ליידן פֿאַר אַ הייליקע זאַך, דאַן ווערן זיי זייער שנעל אָפּגעשטעלט דורך די פֿרויען.

פֿרוי ראָבערטס

אָבער געדענקט וועגן די קינדער, דוד.

ראָבערטס

אַ! אויב זיי וועלן ווייטער ערציען זיי פֿאַר שקלאַפֿן, נישט קלערנדיק וועגן דער צוקונפֿט פֿון זייערע אייגענע קינדער —

פֿרוי ראָבערטס

(אָטעמט גיך מיט שווערקייט) ס'איז גענוג, דוד; הויב נישט אָן צו ריידן וועגן דעם — איך וויל נישט — איך קען נישט —

ראָבערטס

(קוקט אויף איר מיט אויפֿמערקזאַמקייט) נו, נו, מיין מיידעלע!

פֿרוי ראָבערטס

(פֿאַרליִרט דעם אָטעם) ניין, ניין, דוד — איך וויל נישט! —

ראָבערטס

ס'איז גוט, ס'איז גוט! נו, נו. (מיט ביטערקייט) קיין איין פּעניס ווילן זיי נישט אָפּלייגן אין אַ זייט פֿאַר אַזאַ טאָג ווי דער היינטיקער. קיין איין פּעניס נישט! פֿון האַנט ביזן מויל — איך קען זיי! זיי האָבן צובראָכן מיין האַרץ.

אין אָנהויב האָט מען נישט געקאָנט זיי איינהאַלטן,
אָבער איצט, ווען דער קוועטש איז געקומען. —

פרוי ראָבערטס

ווי אַזוי האָסטו געקאָנט ערוואַרטן עס זאָל זיין אַנדערש,
דוד? זיי זענען דאָך נישט פון אייזן.

ראָבערטס

געקאָנט ערוואַרטן? קאָן איך נישט ערוואַרטן דאָס, וואָס
איך אַליין וואָלט געטון? וואָלט איך נישט גיכער גע-
פגר'ט און פאַרפוילט איידער זיך אונטערגעבן? וואָס
איין מענטש קען טון, קאָן אויך אַ צווייטער.

פרוי ראָבערטס

און די פרויען?

ראָבערטס

דאָס איז נישט קיין אַרבעט פאַר די פרויען.

פרוי ראָבערטס

(מיט אַ קוק פון אומשולדיקער איראָניע) ניין, פאַר אייערס וועגן,
קענען די פרויען שטאַרבן. דאָס איז זייער אַרבעט.

ראָבערטס

(אויסמיידנדיק אירע אויגן) ווער רעדט וועגן שטאַרבן? קיינער
וועט נישט שטאַרבן, ביז מיר האָבן נישט באַזיגט די
דאָזיקע —

(ער טרעפט ווידער אירע אויגן און ווידער קערט אָפּ זיין בליק.
אין אַן אויפגעערעגטן טאָן)

די גאַנצע צייט האָב איך געוואַרט אויף דעם היינטיקן
טאָג. אַראָפּברענגען אַהער די אַלע באַנדיטן און שיקן
זיי צוריק אַהיים מיט גאָרנישט. איך זאָג דיר, איך האָב
געזען אין זייערע פּנים'ער דעם שאָטן פון מפּלה.

(ער גייט צו דער וואַנט און נעמט אַראָפּ זיין הוט)

פרוי ראָבערטס

(קוקט אים נאָך — ווייך) נעם דיין פּאַלטאָ, דוד; ס'מוז זיין אַ ביטערע קעלט.

ראָבערטס

(דערנעענטערט זיך צו איר — זיינע אויגן קוקן אויסמיידנד) ניין, ניין! נו, בלייב רואיק און וואַרעם. איך וועל זיך נישט לאַנג זאמען, מיין מיידעלע.

פרוי ראָבערטס

(מיט הייכער ביטערקייט) נעם עס בעסער.

(זי נעמט אראָפּ פון זיך דעם פּאַלטאָ. אָבער ראָבערטס וויקלט זי צוריק איין אין אים. ער פּרובט צו טרעפן אירע אויגן, אָבער ער קען נישט. פרוי ראָבערטס בלייבט איינגעוויקלט אינם פּאַלטאָ און אירע אויגן, וועלכע גייען אים נאָך, זענען האַלב איראָניש, האַלב בעטנדיק. ער קוקט ווידער אויף זיין זייגער און דרייט זיך אויס כדי אַוועקצוגיין. עפנדיק די טיר טרעפט ער יאַן טאָמאַס, אַ יונגל פון צען יאָר, אין צו-גרויסע פּאַר אים קליידער מיט אַ גראָשן-פּייפעלע אין האַנט)

ראָבערטס

האַללאָ, יונגעלע!

(ער גייט אַרויס, יאַן שטעלט זיך אָפּ נישט ווייט פון פרוי ראָבערטס און קוקט זי אָן אָן אַ וואָרט)

פרוי ראָבערטס.

נו, יאַן?

יאַן.

דער פּאָטער קומט; שוועסטער מעדזש קומט.

(ער זעצט זיך בײַם טיש און שפּילט זיך מיט דעם פּייפל; ער פּייפט אויס דריי אומבאַשטימטע טענער; דאַן מאַכט ער נאָך אַ קוקו-פויגל. אַ קלאַפּ אין די טיר. דער אַלטער טאָמאַס גייט אַריין)

טאָמאַס.

אַ פיינעם גוטן מאָרגן אייך, מאַדאַם. איר זעט אויס בעסער.

פּרוי ראָבערטס.

דאַנק אייך, הער טאָמאַס.

טאָמאַס.

(נערוועז) ראָבערטס איז טאָ?

פּרוי ראָבערטס.

פונקט אַוועקגעגאַנגען צום מיטינג, הער טאָמאַס.

טאָמאַס.

(מיט אַ באַהאַלטענער צופרידנהייט, ווערט רערעוודיק) טאָס איז זער אומאַנגענעם, סעט איר! איך בין געקומען סאָגן אים, אַס מיר מוסן קומען צו אַן אויסגלייך מיט לאָנטאָן. ס'איז אַ גרויסער שאָט, וואָס ער איז אַוועק צום מיטינג. איך רעכן, אַס ער וועט קריכן אויף די ווענט.

פרוי ראָבערטס.

(האַלב אויפשטייענדיק) ער וועט זיך קיינמאָל נישט אונטער־געבן, הער טאָמאַס.

טאָמאַס.

איר טאַרפט אייך נישט אויפרעגן, טאָס איז זייער שלעכט פאַר אייך. איר סעט, קיינער האַלט אים שוין נישט אונטער, אויסער די מעכאַניקער און זשאָרזש־ראאוס. (באַטאָנט) איר סעט דער סטרייק גייט שוין נישט אין הסכּם מער מיט דער אמונה! איך האָב זיך צוגעהערט זייער אויפמערקזאַם און האָב זיך מיט איר דורכגערעט, (יאָן פּייפּט) ססט! מיך גייט נישט אָן, וואָס אַנטערע וועלן סאָגן, איך סאָג, אַס די אמונה פאָדערט אונס אויף מיר זאָלן אָפּשטעלן טעם עסק; און מיין מיינונג איז, אַס טאָס וואָלט געווען די בעסטע זאַך פאַר אונס אַלעמען. איך וואָלט טאָס נישט געזאָגט, ווען טאָס וואָלט נישט געווען מיין מיינונג — אָבער איר סעט, טאָס איז מיין מיינונג.

פרוי ראָבערט.

(פריבאט צו דערשטיקן איר אויפרעגונג) איך ווייס נישט, וואָס וועט געשען מיט ראָבערטסן, אויב איר וועט זיך אונ־טערגעבן.

טאָמאַס.

ס'איז גאָרנישט קיין חרפה! אַלס, וואָס אַ מענטש קען טון, האָט ער געטון, ער איז געגאַנגען קעגן דער מענטשלעכער נאַטור; ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך — יעטער מענטש קען — אַסוי טון. אָבער די אמונה האָט געזאָגט איר וואָרט און ער דאַרף נישט גיין קעגן איר. (יאַן מאכט נאָך דעם קוקו־פויגל) הער אויף צו קוויטשן. (גייט צו די טיר) אַט קומט מיין טאָכטער צו פאַרבלייבן מיט אייך. אַ פיינעם גוטן טאָג אייך, מאַטאַם — נאָר זיך נישט אויפרעגן — געדענקט!

(מעדזש קומט אריין און שטייט ביי דער אָפענער טיר, באַאָב־אַכטנדיק די גאַס)

מעדזש.

דו וועסט פאַרשפעטיקן, פאָטער; זיי הויבן שוין אָן. (זי לאפט אים ביים ארבל) געדענק אָן גאָט, שטעל דיך אים אַנטקעגן, פאָטער — דאָס מאָל!

טאָמאַס.

(צוריקציענדיק זיין ארבל מיט ווירדע) לאָז מיר איבער צו טון טאָס, וואָס איז פאַסיק, מיידעלע;

(ער גייט ארויס, מעדזש טרעט אפ פאמעלעך פון דער אָפענער טיר, אזוי ווי עמיצער וואָלט זיך דערנעענטערט)

ראַאוס.

(באַווייזנדיק זיך אין די טיר) מעדזש!

(מעדזש שטייט מיט דעם רוקן צו פרוי ראָבערטס, קוקט אים אָן, דער קאָפּ אויפגעהויבן, די הענט הינטער זיך)

ראַאוס.

(ער האָט א ווילדן, פארטרויטן אויסזען) מעדזש! איך גיי צום

מיטינג. (מ ע ד ז ש באַוועגט זיך נישט און שמייכלט מיט פֿאַראַכטונג)
הערסטו מיך נישט?

(זיי רעדן געשווינד און שטיל)

מ ע ד ז ש.

איך הער! גיי און הרגע דיין אייגענע מוטער, אויב דו מוזט אַזוי.

(ר א א ו ס נעמט זי ביי די אָרעמס. זי בלייבט שטיין שטייף מיט דעם קאָפּ פאַרבויגן צוריק. ער לאָזט זי אָפּ און בלייבט אויך שטיין אָן באַוועגונג)

ר א א ו ס.

איך האָב געשוואוירן צו בלייבן מיט ראָבערטסן. איך האָב דאָס געשוואוירן. צי ווילסטו, אַז איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם, וואָס איך האָב געשוואוירן.

מ ע ד ז ש.

(מיט אַ שטילן חוזק) דו ביסט אַ שיינער ליבהאָבער!

ר א א ו ס.

מעדזש!

מ ע ד ז ש.

(שמייכלנדיק) איך האָב געהערט, אַז די ליבהאָבער טוען דאָס, וואָס זייערע מיידלעך פאָדערן פון זיי — (י א ן בלאָזט די קוקו) — אָבער ס'ווייזט אויס, אַז דאָס איז נישט אמת.

ר א א ו ס.

דו וואָלסט געוואָלט מאַכן פֿון מיר אַ שטרייק־ברעכער!

מ ע ד ז ש.

(די אויגן האַלב פאַרמאַכט) טו עס פאַר מיר!

ר אַ א ו ס.

(גיט זיך אַ קלאַפּ מיט דער האַנט איבערן שטערן) דער טייוול זאָל עס נעמען! איך קען נישט!

מעדזש.

(שנעל) טו דאָס פאַר מיִר!

ראאוס.

(דורך די ציין) שפּיל דיך ניִשט אַזוי אומבּרחמנותדיק מיִט מיִר!

מעדזש.

(ווייזט מיִט דער האַנט דעם קליינעם יאַן — שנעל און שטיל) איך וואָלט דאָס געטון, כּדי די קינדער זאָלן באַקומען ברויט!

ראאוס.

(מיִט אַ ליידנשאַפטלעכער ליִדער־שטים) מעדזש! אָ, מעדזש.

מעדזש.

(מיִט חוזק) אָבער דו קענסט ניִשט ברעכן דיין וואָרט פאַר מיִר!

ראאוס.

(ווי דערשטיִקנדיִק זיִך) אויב אַזוי, מיין גאָט, איך וועל עס טון! (ער דרייט זיִך אויס און לויפט אוועק)

(מעדזש קוקט איִם נאָך מיִט אַ בּלאַסן שמייכל אויף איִר פּנים דאַן גייט זי צום טיִש)

מעדזש.

איך האָב געענדיִקט מיִט ראָבּערטס'ן!

(זי באַמערקט, אַז פרוי ראָבּערטס איז צוריִקגעפאַלן אין איִר שטול, די לויפט צו איִר און טאַפּט איִרע הענט)

איִר זייט קאַלט ווי אַ שטיין! איִר מוזט נעמען אַ בּיִסל בּראַנפן. יאַן, לויף גיִך אין שענק אַריין; זאָג, איך האָב דיִך געשיִקט פאַר פרוי ראָבּערטס.

פרוי ראָבערטס.

(באַוועגנדיק זיך אַ ביסעלע) איך וויל נור בלייבן זיצן רויִק, מעדוש. גיב יאַנן - זיין — טיי.

מעדוש.

(געבנדיק יאַנן אַ שטיקל ברויט) נאַ, — דו קליינער כלב דו. מאַך אַ סוף צו דיין פייפן. (זי גייט צום פייער און שטעלט זיך אויף די קני) ס'לעשט זיך שוין אויס.

פרוי ראָבערטס.

(מיט אַ בלאָסן שמייכל) ס'איז די זעלבע זאַך; (יאַן הויבט־אָן צו פייפן)

מעדוש.

טססט! טססט! — דו — (יאַן שטעלט זיך אָפּ)

פרוי ראָבערטס.

(שמייכלענדיק) לאָז אים זיך שפּילן מעדוש.

מעדוש.

(אויף די קני ביים פייער) וואַרטן און וואַרטן. איך האָב שוין מער קיין געדולד; וואַרטן און וואַרטן, — דאָס איז די אַרבעט פון אַ פרוי. קענט איר זיי הערן דאָרטן — איך קען!

(זי לייגט די עלנבויגן אויף דעם טיש און שפּאַרט זיך אונטער דעם קאָפּ מיט די הענט. פרוי ראָבערטס בייגט זיך הינטער איר, פאַרוואָרפט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער אויפרעגונג, וועלכע האַלט אין וואַקסן, עס קומען אָן די קלאַנגען פון דעם מיטינג פון די שטרייקערס)

(פאָרהאַנג פאַלט).

צווייטע בילד.

(פיר נאָכמיטאָג. אין אַ גרויען, טונקעלן ליכט — אַן אָפענער בלאָטיקער פּלאַץ. ער איז איבערפולט מיט אַרבעטער. פון הינטן אַביסל העכער ציט זיך, אָפּגעצוימט מיט שטעכלעדיקן דראָט, אַ פוס־וועג ביים קאַנאַל, אויף וועלכן ס'שטייט אַ צוגעבונדן שיפל. פונדערווייטנס זעט מען אַ דערפרוירענע בלאָטע און בערגלעך באַדעקט מיט שניי. אַ הויכער מויער פון דער „פאַבריק" גייט־דורך פון קאַנאַל דורך דעם פּלאַץ. אין אַ ווינקל פון דעם מויער געפינט זיך אַ פּרימיטיווע טריבונע פון פעסלעך און ברעטער. אויף דער טריבונע שטייט האַרנעס. ראָבערטס, אַביסל אין אַ זייט פון דעם המון, שטייט אָנגעשפאַרט אָן דעם מויער. אויף דעם פוס־וועג שטייען צוויי שיפס־לייט און רויכערן גלייכגילטיק)

האַרנעס

(שטרעקט־אויס די האַנט) נו, איך האָב אייך אַלץ געזאָגט קלאָר. ווען איך וואָלט גערעדט נאָך אַ גאַנצן טאָג, וואָלט איך נישט געקאָנט זאָגן מער.

יאַגאָ

(אַ שוואַרצער, בלאַסער מענטש, מיט אַ קורץ דין בערדל, זעט אויס ווי אַ שפּאַניער) איך האָב געוואָלט אייך פרעגן, צי קענען זיי באַקומען שטרייקברעכערס?

בולגין

(דראָענדיק) זאָלן זיי נור פּרובען!

(אין דעם המון לאָזט זיך הערן אַ ווילדער געמורמל)

בראַון

(אַ מענטש מיט אַ קײַלעכדיקן פּנים) פונוואַנען זאָלן זיי נעמען?

עוואַנס

(אַ קליינער, אומרואיקער, מידער מענטש, מיט אַ רירעוודיקן פּנים) שטרייקברעכער זענען שטענדיק פֿאַראַן. דאָס איז זייער נאַטור. תּמיד זענען פֿאַראַן מענטשן, וואָס ווילן ראַטעווען זייער אייגענע הויט.

(אַ נייער ווילדער געמורמל. עס ווערט אַ שטופּעניש. דער אַלטער טאָמאַס קומט־אָן און שטעלט זיך אין די ערשטע רייען)

האַרנעס

(שטרעקט־אויס די האַנט) זיי קענען זיי נישט באַקומען. אָבער דאָס וועט אייך נישט העלפֿן. נו, חברים, זייט פֿאַרנונפֿטיק. אייערע פֿאָדערונגען וואָלטן אונז געבראַכט נאָך אַ טויט שטרייקן אין דער צייט, ווען מיר זענען צו זיי נישט גרייט. די פֿאַריינען לעבן דורך גערעכטיקייט פֿאַר אַלעמען און נישט פֿאַר איינציקע. יעדער אויפֿריכטיקער מענטש וועט אייך זאָגן — מען האָט אייך געגעבן שלעכטע עצות. איך זאָג נישט, אַז אייערע פֿאָדערונגען זענען גרעסער, ווי איר זייט באַרעכטיקט צו פֿאָדערן. איך זאָג אָבער, אַז אין דעם איצטיקן מאָמענט האָט איר איבערגעכאַפּט; איר האָט זיך אויסגעגראָבן אַ גרוב פֿאַר זיך אַליין. ווילט איר דאָרט פֿאַרבלייבן אָדער ווילט איר פֿון איר אַרויסקריכן? באַשליסט!

לואיס

(אַ ריינער דרום־טיפּ מיט שוואַרצע וואָנסעס) דאָס האָט איר ריכטיק געזאָגט. מען מוז אויסקלייבן.

(ווידער אַ באַוועגונג אין המון. ראַוס קומט אָן אין איילעניש און שטעלט זיך נעבן טאָמאַס'ן.)

האַרנעס

שניידט צו אייערע פֿאָדערונגען לויט דעם ריכטיקן מוסטער, און מיר וועלן אייך פֿירן ביזן סוף; אָדער זאָגט זיך דערפֿון אָפּ און איך וועל שוין מער נישט אַהער קומען פֿאַרלירן מיין צייט. איר דאַרפֿט שוין היינט וויסן,

אַז איך געהער נישט צו יענע מענטשן, וואָס ריידן גלאַט אין דער לופט. אויב איר זייט פאַרנונפטיקע אַרבעטער, פאַר וועלכע איר האַלט אייך, דאַן, — (ער שטעלט אָפּ זיינע אויגן אויף ראָבערטסאָן) ווער זאָל אייך נישט ראַטן אַנדערש — וועט איר באַשליסן אונז צו שענקען אייער צוטרוי, און לאָזן אונז דורכפירן אייערע פאָדערונגען. וואָס וועט איר אויסקלייבן? האַנט ביי האַנט און דער זיג — אָדער — דער הונגער־טויט, וועלכן איר האָט איצטער?

(אַ לאַנגער מורמלען אין המון)

יאַגאָ
(פּלוצים) רעדט וועגן דעם, וואָס אייך איז באַקאַנט.

האַרנעס
(ער הויבט זיין שטים און פאַרשטיקט דעם מורמלען) באַקאַנט? (מיט אַ קאַלטער איינגעהאַלטענער ליידנשאַפט) איך האָב איבערגעלעבט אַלץ, וואָס איר האָט איבערגעלעבט, מיינע פריינט. — איך האָב עס איבערגעלעבט, ווען איך בין געווען נישט גרעסער, ווי (אָנווייזנדיק מיט זיין פינגער אויף אַ יונגעלע) דער בחור דאָ; די פאַריינען זענען נאָך דאַמאָלסט נישט געווען דאָס, וואָס זיי זענען היינט. וואָס האָט זיי געמאַכט שטאַרק? דאָס איז דאָס צוזאַמענגיין האַנט ביי האַנט, דאָס האָט זיי געמאַכט שטאַרק. איך זאָג אייך, איך האָב עס אַלץ איבע־געלעבט. מיין נשמה פילט נאָך יענע וואונדן. איך ווייס, וואָס איר האָט געליטן — איר קענט מיר קיין נייעס נישט זאָגן; אָבער דאָס גאַנצע איז גרעסער ווי אַ טייל, און איר זייט נור אַ טייל. בלייבט אונז טריי און מיר וועלן בלייבן אייך טריי.

(ער ווארט, פאַרשט די צוהערער מיט די אויגן. דאָס מורמלען וואַקסט; די אַרבעטער בילדן קליינע גרופּן. גרין, בולגין און לויאיס ריידן צוזאַמען)

לויאיס
ער רעדט גאַנץ צו דער זאַך, דער מענטש פון פאַריין.

גרין

(רואיק) אָ! ווען איר וואָלט זיך צוגעהערט צו מ י ר, וואָלט איר שוין די גאַנצע צוויי חדשים געהערט ריכטיקע ווערטער.

(מען זעט, אַז די שיפּס־לייט לאַכן)

לואיס

(ווייזט-אָן מיטן פינגער) זע נאָר די דאָזיקע צוויי יאָלדן דאָרטן הינטער דעם דראָט!

בולגין

(מיט רציחה) אויב זיי וועלן נישט אָפּשטעלן זייער לאַכן, וועל איך זיי צוברעכן די ביינער.

יאַגאָ

(פלוצלינג) איר זאָגט, אַז די הייצערס זענען גוט באַצאָלט?

האַרנעס

איך האָב נישט געזאָגט, אַז זיי זענען גוט באַצאָלט; איך האָב געזאָגט, אַז זיי באַקומען דעמזעלבן לוין, ווי די הייצערס אין אַנדערע ענלעכע פאַבריקען.

עוואַנס

ס'איז אַ ליגן! (אַ געפילדער) און ווי איז עס ביי האַרפערן?

האַרנעס

(מיט קאלטער איראָניע) ליגנס קאָנט איר זוכן ביי זיך אין שטוב, חבר. ביי האַרפערן אַרבעט מען לענגער, אָבער דער לוין קומט־אויס איינער און דערזעלבער.

הענרי ראַאוס

(אַ שוואַרצע אויסגאַבע פון זיין ברודער זשאַרזש) וועט איר אונטער־האַלטן אַ דאָפּלטן טאַריף פאַר שבתדיקן פייער־אָוונט?

האַרנעס

יאָ, מיר וועלן.

יאַגאָ

וואָס האָט איך געמאַכט מיט אונזערע געלט־זאַמלונגען?

האַרנעס

(קאַלט) איך האָב אייך געזאָגט, וואָס מיר וועלן מאַכן מיט זיי.

עוואַנס

אָ! איר וועט, ס'איז שטענדיק איר ווען! איר וואָלט געוואָלט, אַז אונזערע חברים זאָלן זיך פון אונז אָפּרוקן.

(אַ געפילדער)

בולגין

(שרייט) האַלט איין אייער צונג!

(עוואַנס קוקט זיך אַרום מיט כעס)

האַרנעס

(הויבט די שטים) די, וואָס קאָנען אונטערשיידן זייער רעכטע האַנט פון זייער לינקער ווייסן, אַז די פאַריינען זענען נישט קיין גנבים און נישט קיין פאַררעטער. איך האָב געזאָגט, וואָס איך האָב געהאַט אייך צו זאָגן. און איצט רעכנט זיך איבער, וואָס צו טון; איר ווייסט וואו מיך צו געפינען, ווען איר וועט מיך דאַרפן האָבן.

(ער שפרינגט אַראָפּ, דער המון עפנט אים אַ וועג. ער גייט אַוועק. די אַרבעטער צוטיילן זיך אויף גרופּעס. אַ סך פון זיי וואַרפן אַ קוק אויף ראָבערטס'ן, וועלכער שטייט אַליין ביים מויער)

עוואַנס

ער וויל, אַז איר זאָלט ווערן שטרייק־ברעכער, דאָס וויל ער. ער וויל, אַז איר זאָלט זיך פון אונז אָפּזאָגן. איך וואָלט גיכער געשטאָרבן פון הונגער, וואָלט איך,— איידער ווערן אַ שטרייק־ברעכער.

בולגין

ווער רעדט וועגן שטרייקברעכער? זייט פאַרזיכטיק, וואָס איר רעדט, איר הערט?

בלאקסמיט

(אַ יונגער בחור מיט געלע האָר און גרויסע אָרעמס) און וואָס וועט זיין מיט די פרויען?

עוואַנס

איך רעכן, אַז זיי קאָנען אויסהאַלטן גלייך מיט אונז. אפשר נישט?

בלאקסמיט

איר זייט נישט קיין באַווייבטער?

עוואַנס

און איך דאַרף עס נישט.

טאָמאַס

(הויבט זיין שטים) עי! פריינט, גיט אונז די פולמאַכט צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט לאָנטאָן.

דעוויס

(אַ שוואַרצער, לאַנגזאַמער, פֿמורנער מענטש) שטעל דיך אויף די טריבונע, אויב די האָסט עפעס צו זאָגן, שטעל דיך און זאָג עס.

(ס׳הערן זיך קולות „טאָמאַס!" ער ווערט אַרויפגעשטופּט אויף דער טריבונע; ער קריכט אַרויף מיט שוועריקייט, נעמט אַראָפּ דאָס היטל און וואַרט ביז אַלץ וועט ווערן רואיק. ס׳הערט זיך אַ „ששש..."

אַ יונגל מיט רויטע האָר

(פלוצלינג) טער גוטער אַלטער טאָמאַס.

(ס׳הערט אַ געלעכטער; די שיפּס־לייט וואַרפן זיך איבער מיט באַמערקונגען; ס׳גייט ווידער אַ „ששש..." און טאָמאַס הויבט־אָן צו רעדן.

טאָמאַס

מיר סענען אַלע צוזאַמען אין טער טיפעניש און ס׳איז טי נאַטור, וואָס האָט אונס טאָרט אַריינגעזעצט.

הענרי ראאוס

לאָנדאָן האָט עס געמאַכט!

עוואַנס

דער פאַריין!

טאָמאַס

ט׳איז נישט לאָנטאָן, נישט טער פאַריין — ס׳איז טי נאַטור. ס׳איז נישט אַ חרפה פאַר קיינעם סיך אונטערגעבן טער נאַטור, ווייל טי נאַטור איס זייער אַ גרויסע סאַך; ס׳איס גרעסער פון אַ מענטשן. איך טראָג מער יאָרן אויף מיין קאָפּ, ווי יעטער טאָ פון אייך. און איר סעט, ס׳איס סער שלעכט צו גיין קעגן טער נאַטור. ס׳איס שלעכט צו צווינגען אַנטערע צו לייטען, ווען עס ברענגט צו גאָרנישט.

(אַ געלעכטער. טאָמאַס רעדט ווייטער מיט כעס)

וואָס לאַכט איר? איך זאָג, ס׳איס שלעכט. מיר קעמפן פאַר אַ פּרינציפּ; קיינער פון אייך וועט נישט סאָגן, אַס איך גלויב נישט אין פּרינציפּן. אבער ווען טי נאַטור סאָגט: „ווייטער נישט״, דאַן העלפט קיין זאַך נישט.

(ראָבערטס צולאַכט זיך, אַ מורמל פון צושטימונג)

מען מוס סיך צופּאַסן צו טער נאַטור. אַ מענטש טאַרף זיין ריין, יושרטיק, אויפריכטיק און רחמנותדיק. אַזוי סאָגט אונז טי אמונה. (וועגנדיק זיך צו ראָבערטס׳ן מיט כעס)

און סעט איר, דוד ראָבערטס, טי אמונה סאגט אייך, אַז איר קענט סיין אַסאַ מענטש, נישט גייענדיק קעגן טער נאַטור.

יאַגאָ

וואָס האַלט איר וועגן דעם פאַריין?

טאָמאַס

איך האָב נישט קיין צוטרוי צום פאַריין. סיי האָבן גע־

האַנטלט מיט אונס, ווי מיט מיסט. סיי סאָגן: „גוט, וואָס מיר סאָגן אייך". צוואַנציק יאר בין איך געווען דער עלטסטער פון טי הייצערס און איך סאג צום פאַריין — (אויפגערעגט) — „קענט איר מיר סאָגן, אַזוי גוט ווי איך קאָן אייך סאָגן, וואָס איז דער ריכטיקער לוין פאַר טער אַרבעט, וואָס טי טאָסיקע מענטשן טון?" פינף און צוואַנציק יאָר האָב איך געצאָלט מיין געלט אין פאַריין — (מיט גרויס אויפרעגונג) — פאַר גאָרנישט! וואָס איז דאָס אויב נישט אַ שווינטל, מעג דער הער האַרנעס סאָגן, וואָס ער וויל.

(מורמלען)

עוואַנס

הערט, הערט!

הענרי ראאוס

שווייגט!

טאָמאַס

איר סעט, צי קאָן איך האָבן אַ צוטרוי צו אַ מענטשן, אויב טער מענטש האָט נישט קיין צוטרוי צו מיר?

יאַגאָ

דאָס איז ריכטיק.

טאָמאַס

לאָסט טי טאָסיקע שווינדלערס אַליין און לאָמיר האַנטלען אַליין.

(מורמלען)

בלאקסמיט

מיר האָבן דאָס געטון די גאַנצע צייט, אפשר נישט?

טאָמאַס

(מיט וואַקסנדער אויפרעגונג) איך בין ערצויגן געוואָרן צו טון

אַלץ אַליין. איך בין ערצויגן געוואָרן צו באַגיין סיך אָן אַ סאַך, אויב איך האָב נישט געהאַט קיין געלט סי צו קויפן. איר סעט, ס'איס שוין פאַראַן צופיל בעלנים צו מאַכן סאַכן אויף יענעמס געלטער. מיר האָבן געקעמפט ווי געהעריק, און אויב מיר סענען באַסיגט, איס עס נישט אונסער שולד. גיט אונס טי פּאָלמאַכטן צו מאַכן שלום מיט לאָנטאָן אין אונסער אייגן נאָמען; און אויב ס'וועט סיך נישט איינגעבן, האַלט איך, אַס ס'איס בעסער אָנערקענען אונסער מפּלה, ווי אַ מאַן דאַרף עס טון, איידער שטאַרבן, ווי היינט, אָטער טשעפּן סיך פאַר טי פּאָלעס פון אַנטערע, כדי סיי סאָלן מאַכן פאַר אונס אונסערע אַרבעט.

עוואַנס

(מורמלט) ווער וויל עס?

טאָמאַס

(ארויספאָדערנדיק) וואָס איס טאָס אַסוינס? ווען איך שלאָג מיך מיט אַ מענטשן און יענער וואַרפט מיך אויף טי ערד, גיי איך נישט רופן אַנטערע, סיי סאָלן מיר קומען צו הילף; איך שטיי-אויף און שלאָג מיך ווייטער; און אויב יענער וואַרפט מיך, ווי ס'טאַרף זיין, בלייב איך ליגן אויף דער ערד, אמת?

(אַ געלעכטער)

יאַגאָ

קיין פאַריין!

העגרי ראאוס

יאָ פאַריין!

(אַנדערע באַפן אונטער דעם געשריי)

עוואַנס

שטרייק-ברעכערס!

(בולגין און בלאַקסמיט דראָען עוואַנס'ן מיט די פויסט)

טאָמאַס

(מיט א באוועגונג פון האנט) איר סעט, איך בין אַן אַלטער מאַן –

(א פלוצלינגער שווייגן, דאן ווידער מורמלס)

לואיס

אַן אַלטער נאַר, מיט זיין „קיין פאַריין“.

בולגין

די דאָזיקע הייצערס! פאַר דריי גראָשנס וואָלט איך געמאַכט אַ תל פון זיי אַלעמען.

גרין

ווען מען וואָלט זיך צוגעהערט צו מיר פון אָנהויב אָן –

טאָמאַס

(אָפּווישנדיק דעם שטערן) איך קום איצטער צו טעם, וואָס איך האָב געוואָלט אייך סאָגן –

דעוויס

(מורמלט) ס'איז שוין לאַנג צייט!

טאָמאַס

(באַטאָנענדיק) די אמונה סאָגט, פירט נישט ווייטער טעם קאַמף! מאַכט אַ סוף צו אים!

אַגאָ

ס'איז אַ ליגן! די אמונה זאָגט, פירט אים ווייטער!

טאָמאַס

(מיט פאַראַכטונג) אַסוי? איך האָב אויערן אין מיין קאָפּ.

דער יונג מיט רויטע האָר

אָ! און לאַנגע דערצו!

(א געלעכטער)

אַגאָ

אייערע אויערן האָבן אייך פאַרפירט.

טאָמאַס

(אויפגערעגט) איר קאָנט נישט זיין גערעכט, אויב איך בין גערעכט. איר קאָנט עס נישט האָבן (אויף ביידע וועגן) אַסוי און אַסוי.

דער יונג מיט רויטע האָר

אָבער די אמונה קאָן!

(דער יונגער בחור לאַפֿט אין דעם המון מורמלט מען)

טאָמאַס

(פֿיקסירט מיט זיינע אויגן דעם יונגן בחור) אָ! איר גייט אויפן וועג פון פאַרטאָרבונג. און אַסוי סאָג איך צו אייך אַלעמען. אויב איר וועט גיין קעגן דער אמונה, וויל איך נישט סיין מיט אייך און ס'וועט נישט זיין מיט אייך קיין שום מענטש, וואָס האָט אין זיך אַ גאָט אין האַרץ.

(ער לאָזט זיך אַראָפּ פון דער טריבונע. יאַגאָ קערעוועט זיך צו איר. ס'הערן זיך געשרייען: „לאָזט אים נישט אַרויפגיין!")

יאגא

לאָזט אים נישט אַרויפגיין? דאָס איז פרייהייט פון וואָרט, אזא איז זי? (ער גייט אַרויף) איך האָב נישט אַ סך אייך צו זאָגן. כמעט די זאַך גאַנץ איינפאַך; איר זייט געגאַנגען דעם וועג אַזוי ווייט און איצט ווילט איר מאַכן אַ תּל פון דער גאַנצער רייזע. מיר זיינען אַלע געווען אין איין שיף; און איצט ווילט איר צוטיילען אויף צוויי. מיר, מעכאַניקער, האָבן אייך אונטערגעהאַלטן; ווילט איר איצטער, ווילט איר אונז לאָזען אין זאק? וואָלטן מיר דאָס געוואוסט פריער, וואָלטן מיר נישט געוואָרפן צוזאַמען מיט אייך די אַרבעט אַ שיינעם פרימאָרגן! דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב צו זאָגן. דער אַלטער טאָמאַס האָט היינט שלעכט אויסגעטייטשט זיין תורה. אויב איר וועט זיך אונטערגעבן אונטער לאָנדאָן אָדער אונטערהאַרנעס'ן, דאָס וועט הייסן, אַז איר לאָזט אונז אין זאַק

— כדי צו ראַטעווען אייער אייגענע הויט — אַזוי איז עס און נישט אַנדערש; און ס'איז אַ שמוציקע שטיקל אַרבעט.

(ער גייט אראָפּ; בעת זיין קליינער רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן מיט פיל איראָניע, פילט זיך אין דעם המון אַ אומרואיק געפיל. ראַ אוס שפּרינגט=אַרויף אויף די טריבונע. ער האָט אַ ווילדן, צעשטריי=טן אויסזען. דער המון מורמלט מיט אומצופרידנקייט)

ראַאוס

(ריידנדיק מיט גרויס אויפרעגונג) איך בין נישט קיין רעדנער, חברים, אָבער וואָס איך זאָג, דאָס פיל איך טיף. וואָס איך זאָג, דאָס איז מענטשלעכע נאַטור. צי קען אַ מענטש זיצן און צוקוקן זיך ווי זיין מוטער שטאַרבט? צי קען ער?

ראָבערטס

(מאַכט אַ געשווינדן טריט פאָרויס) ראַאוס!

ראַאוס

(קוקט אים אָן מיט אַ ווילדן בליק) שמעון האַרנעס איז גערעכט! איך האָב געענדערט מיין מיינונג!

עוואַנס

א! דו ווילסט זאָגן, דו האָסט געביטן די פאַרב.

(דער המון באַווייזט סמנים פון שטוינען)

לואיס

(ווענדנדיק זיך צו ראַאוס) האללאָ! פאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי בערגעדרייט?

ראַאוס

(רעדנדיק מיט אומגעהויער אויפרעגונג) האַרנעס האָט געזאָגט ריכטיק. „בלייבט אונז טריי“, האָט ער געזאָגט, „און מיר וועלן בלייבן אייך טריי“. אָט דאָ האָבן מיר געמאַכט דעם פעלער די גאַנצע צייט. און ווער איז דער=פאַר פאַראַנטווארטלעך? (ער ווייזט אויף ראָבערטס'ן מיט דעם

(פינגער) אָט דער מענטש דאָרטן! „ניין", האָט ער געזאָגט, „באַקעמפט די באַנדיטן", האָט ער געזאָגט, „קוועטשט אויס דעם אָטעם פון זיי!" אָבער ס'איז נישט זייער אָטעם, וואָס איז אויסגעקוועטשט; ס'איז אונזער אָטעם, און פון אונז איז ער אויסגעקוועטשט, — דאָס איז דער ריינער אמת. איך בין נישט קיין רעדנער, חברים, ס'איז מיין פלייש און בלוט, מיין האַרץ וואָס רעדט. (ווענדעט זיך מיט אַ דראָענדער אָבער דאָך אַ האַלב פאַרשעמטער באַוועגונג צו ראָבערטס'ן) איר וועט זען, ער וועט ווידערריידן צו אייך, אָבער הערט זיך צו אים נישט צו. (דער המון ברומט) אויף זיין צונג ברענט דער פייער פון גהינום. (ראָבערטס צולאַכט זיך) שמעון האַרנעס איז גערעכט. וואָס זענען מיר אָן דעם פאַריין — אַ הייפל אויסגעטריקנטע בלעטער — גאָר אַ קליינער כח. איך בין נישט קיין רעדנער, אָבער איך זאָג אייך: מאַכט אַ סוף צו דעם! מאַכט אַ סוף! אַלץ איז בעסער, איידער לאָזן שטאַרבן פון הונגער די פרויען און די קינדער.

(דאָס מורמלען פון צושטימונג איז גובר דאָס מורמלען פון אומצופרידנהייט)

צוואַנס

וואָס האָט דיך געמאַכט פאַר אַ שטרייק־ברעכער?

ראַאוס

(מיט אַ ווילדן קוק) שמעון האַרנעס ווייסט וואָס ער רעט. גיט אונז די פאָלמאַכטן צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט לאָנדאָן; איך בין נישט קיין רעדנער, אָבער איך זאָג, — מאַכט אַ סוף צו דער שוואַרצער נויט און עלנד!

(ער גיט אַ קניטש זיין שאַל, וואַרפט צוריק זיין קאָפּ און שפרינגט אַראָפּ פון דער טריבונע. דער המון אַפּלאָדירט און באַוועגט זיך פאָרויס. מען שרייט: „ס'איז גענוג!" „זאָל לעבן דער פאַריין!" „זאָל לעבן האַרנעס"! ראָבערטס שטעלט זיך אַוועק רואיק אויף דער טריבונע. אַ מאָמענט פון שטילשווייגן)

ב ל א ק ס מ י ט

מיר ווילן דיך נישט הערן. מאַך צו דעם מויל!

ה ע נ ר י ר א א ו ס

גיי אַראָפּ!

(צווישן אַזעלכע געשרייען רוקן זיי זיך צו דער טריבונע)

ע וו אַ נ ס

(שרייט מיט כּעס) לאָזט אים רעדן! ראָבערטס! ראָבערטס!

ב ו ל ג י ן

(שטאַמלט) זאָל ער בעסער זיך היטן, איך זאָל אים נישט צוהאַקן דעם קאָפּ.

(ר אָ ב ע ר ט ס שטעלט זיך אַנטקעגן דעם המון, קעמפנדיק מיט זיינע אויגן, ביז זיי ווערן פּאַמעלעך שטיל. ער הייבט אָן צו רעדן. איינער פון די פיש-לייט שטעלט זיך אויף און בלייבט שטיין)

ר אָ ב ע ר ט ס

הייסט עס, איר ווילט מיך נישט הערן? איר ווילט הערן ראַאוסן און דעם אַלטעטשקן, אָבער נישט מיך. איר ווילט הערן שמעון הארנעס פון דעם פאַריין, וואָס האָט אייך אַזוי פיין באַהאַנדלט: אפשר ווילט איר הערן יענע לייט פון לאָנדאָן? אָ! איר ברומט! פאַרוואָס? צי האָט איר נישט ליב צו פילן זייערע פיס אויף אייערע העלזער? (מיט אַ רויִקן פּאַטאָס, זעענדיק, אַז בּ ו ל ג י ן שטופּט זיך דורך צו דער טריבונע) דו וואָלסט געוואָלט מיר צוברעכן דעם קאָפּ זשאַן בולגין. לאָז מיך רעדן, און שפּעטער וועסטו מיך אָנפאַלן, אויב דו האָלסט פון דעם. (ב ו ל ג י ן בלייבט שטיין אָן באַוועגונג) צי בין איך אַ ליגנער, אַ פּחדן, אַ פאַרברעכער? ווען איך וואָלט עס געווען, וואָלט איר שוין מיך אויסגעהערט, איך בין זיכער. (דאָס מורמלען הערט אויף, ס'ווערט אַ טויטע שטילקייט) צי געפינט זיך צווישן אייך איין מענטש, וואָס זאָל האָבן וויניקער צו געווינען פון

דעם שטרייק? צי איז דאָ איינער פון אייך, וואָס זאָל האָבן מער צי פאַרשפּילן? צי איז דאָ צווישן אייך איין מענטש, וואָס זאָל האָבן אָפּגעגעבן אכט הונדערט פונט פון דער צייט אָן, ווען דער עסק האָט זיך אָנגעהויבן? אדרבא, צי ס'איז דאָ אַזעלכע? וויפל האָט טאָמאַס אָפּגעגעבן — 10 פונט אָדער 5, אָדער וויפל? איר האָט אים אויסגעהערט, און וואָס האָט ער געהאַט צו זאָגן? ער האָט געזאָגט: „קיינער קאָן מיר נישט פאָרוואַרפן, אַז איך גלייב נישט אין פּרינציפּן — (מיט בייסנדער איראָניע) אָבער ווען די נאַטור זאָגט, ווייטער נישט, הייסט ער שוין גיין קעגן דער נאַטור!“ און איך זאָג אייך, אַז ווען אַ מענטש קאָן נישט זאָגן צו דער נאַטור: „ריר מיך פון דאַנעט אויב דו קאָנסט!“ — (מיט אַ מינע פון עקזאַלטאַציע) — דאַן זענען זיינע פּרינציפּן נור זיין מאָגן. אָבער טאָמאַס זאָגט: „אַ מענטש קאָן זיין ריין און אָרנטלעך, אויפריכטיק און רחמנותדיק און דאָך אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר דער נאַטור!“ און איך זאָג אייך, אַז די נאַטור איז נישט ריין און נישט אָרנטלעך, נישט אויפריכטיק און נישט רחמנותדיק. איר, וואָס לעבט פון יענער זייט פון די בערגלעך, ווען איר גייט טויט־מיד אַ היים אין דער פינסטערניש אין אַ שנייעדיקע נאַכט, — צי דאַרפט איר אייך נישט אויסקעמפן יעדן טריט ערד פון אייער וועג? צי לייגט איר זיך דאַן אויף דער ערד מיט דער זיסער האָפנונג, אַז די רחמנותדיקע נאַטור וועט אייך האַרצלעך אַהיימברענגען? פּרובירט עס, וועט איר באַלד זען צו וואָס דאָס וועט ברענגען. אַ מענטש קען זיין אַ מענטש נור דאַן, ווען ער שיקט זיין פויסט — (ער גיט אַ קלאַפּ אין לופטן מיט זיין צוזאַמענגעפּרעסטער פויסט) אין דעם פנים פון דער נאַטור. און טאָמאַס האָט נאָך געזאָגט: „גיט אייך אונטער, שטעלט אייך אויף די קני; זאָגט אייך אָפּ פון אייער נאַרישן קאַמף, און אפשר“,

זאָגט ער, „אפשר וועט אייער שונא אייך צעראָפּוואַרפן אַ פּאַרטריקנט שטיקל ברויט".

אַגאַ

קיינמאָל!

עוואַנס

צום טייוול מיט זיין!

טאָמאַס

איך האָב עס נישט געסאָגט.

ראָבערטס

(בייסנד) אויב איר האָט עס נישט געזאָגט, האָט איר דאָס אָבער געמיינט. און וואָס האָט איר געזאָגט וועגן דער אמונה? איר האָט געזאָגט: „די אמונה איז קעגן דעם שטרייק!" נו, דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך הער, אַז די אמונה און די נאַטור גייען האַנט און האַנט. דער יונגערמאַן דאָרטן (ער ווייזט אָן מיט דעם פינגער אויף ר אַ א ו ס'ן) — האָט געזאָגט, אַז איך האָב אויף מיין צונג דעם פייער פון גהינום. איך וואָלט געוואָלט דאָס מאָל זיין אמת, כדי צו פאַרברענען און פאַרניכטן די אַלע געשפּרעכן וועגן אונטערגעבן זיך. אונטערגעבן זיך דאָס איז אַן אַרבעט פאַר כּחדנים און פאַררעטער.

הענרי ראַאוס

(זעענדיק, אַז זיין ברודער רוקט זיך פאָרווערטס) נעם דיך צו אים, זשאָרזש, — לאָז דיך נישט באַשמוצן!

ראָבערטס

(אויסשטרעקנדיק די האַנט) בלייב שטיין דאָרטן, זשאָרזש ראַאוס, ס'איז נישט די פּאַסיקע צייט צו ערלעדיקן פּערזענלעכע ענינים. (ר אַ א ו ס בלייבט שטיין) אָבער ס'איז געווען נאָך איינער, וואָס האָט צו אייך גערעדט — הער שמעון

האַרנעס. מיִר האָבן ניִשט פאַרוואָס צו זיין דאַנקבאַר דעם הער האַרנעס און דעם פאַריין. זיי האָבן אונז געזאָגט: „לאָזט איִבער אייערע חברים אָדער מיִר וועלן אייך איִבערלאָזן". און זיי האָבן טאַקע אונז איִבערגעלאָזט אַליין.

עוואַנס

דאָס האָבן זיי געטון.

ראָבערטס

הער שמעון האַרנעס איִז אַ קלוגער מענטש, אָבער ער איִז געקומען צו שפּעט. (מיִט אַ טיִפער איִבערצייגונג) וואָס דער הער האַרנעס זאָל ניִשט זאָגן, וואָס זאָל ניִשט זאָגן טאָמאַס, ראַאוס, אָדער יעדער אַנדערער פון אייך, — איִך זאָג — מ יִ ר ה אָ ב ן ג ע וו א ו נ ע ן ד יִ ש ל אַ כ ט!

(דער המון רוקט זיִך צו נעענטער מיִט אַן אָנגעשרענגטער אויפמערקזאַמקייט. ר אָ ב ע ר ט ס רעדט ווייטער מיִט אַ פאַרניִכטנדיִקער פאַראַכטונג)

איִר האָט דערפיִלט דעם קוועטש פון קאַמף איִן אייערע קיִשקעס. איִר האָט פאַרגעסן, וואָס דער קאַמף איִז געווען; פיִל מאָל האָב איִך אייך שוין דאָס געזאָגט; איִך וועל עס נאָך אַמאָל איִבער'חזר'ן היינט. דאָס איִז דער קאַמף פון דעם קערפּער און פון דעם בלוט פון דער גאַנצער געגנט קעגן אַ בלוטזויגער. דער קאַמף פון דיִ יענע, וואָס גיִבן-אָפּ אַ שטיִק פון זייער לעבן מיִט יעדן קלאַפּ, וואָס זיי גיִבן און מיִט יעדן אָטעם, וואָס זיי ציִען אַריין איִן זיִך, — קעגן אַ זאַך, וואָס ווערט פעט פון זייער מיִ און וואַקסט לויט דיִ געזעצן פון דער ר ח מ נ ו ת'ד יִ ק ע ר נאַטור. דיִ דאָזיִקע זאַך דאָס איִז דער קאַפּיִטאַל! דאָס איִז אַ זאַך, וואָס קויפט דעם שווייס פון אַרבעטערס שטערן, און דיִ מורא'דיִקע אָנשטרענגונגען פון זייערע מחות און צאָלט דערפאַר דעם פּרייז וואָס זיִ וויִל. ציִ ווייס איִך דען דאָס ניִשט

גאַנץ גוט? די אַרבעט פון מיין מח איז געקויפט געוואָרן פאַר זיבן הונדערט פונט און שפּעטער איז אויף דעם פאַרדינט געוואָרן הונדערט טויזנט פונט. דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס האָט חשק צו נעמען וואָס מער און אייך געבן וואָס ווייניקער. דאָס איז דער קאַפּיטאַל! אַ זאַך, וואָס וועט זאָגן: „איך האָב רחמנות אויף אייך, אָרימע לייט, — איך ווייס ווי ביטער איז אייער לאַגע", — אָבער זי וועט בשום אופן נישט אָפּלאָזן אפילו אַ גראָשן פון אירע פּראָפיטן, כדי צו פאַרבעסערן אייער לאַגע. דאָס איז דער קאַפּיטאַל! זאָגט מיר, צי איז דאָ איינער פון זיי, וואָס זאָל מסכים זיין צאָלן אַן איבעריקן גראָשן שטייער כדי צו העלפן די אָרימע? דאָס איז דער קאַפּיטאַל! אַ בעסטיע מיט אַ ווייסן פּנים און אַ שטיינערנעם האַרץ! איר האָט זי שוין געצוואונגען, זי זאָל פאַלן פאַר אייך אויף די קני; וועט איר זי אָפּלאָזן אין דער לעצטער מינוט כדי צו פאַרשפּאָרן יסורים אייערע קערפּער? ווען איך בין געגאַנגען היינט אינדערפרי צו די אַלטע הערן פון לאָנדאָן, האָב איך זיי אַריינגעקוקט טיף אין זייער האַרצן. איינער פון זיי — אַ העַר סקעלעטלבערי, אַ באַרג מיט פלייש — איז געזעסן דאָרטן פּונקט ווי די אַקציאָ‑נערן פון דער געזעלשאַפט, וואָס זיצן און נעמען פּראָ‑פיטן, נישט רירנדיק נישט מיט דער צונג, נישט מיט דער האַנט. — ווי אַ גרויסער שטומער אָקס, וואָס וועט זיך רירן ערשט דאַן, ווען זיין עסן איז באַדראָט. איך האָב געקוקט דעם הער אין די אויגן אַריין און איך האָב געזען, אַז ער האָט געהאַט מורא — מורא פאַר זיינע פּראָפיטן, מורא פאַר זיין געהאַלט, מורא פאַר די אַקציאָנערן גופא, ווען ער פּרעזענטירט. זיי אַלע, אויסער איינעם, האָבן געהאַט מורא — ווי קליינע קינדער, וואָס פאַרשפּעטיקן זיך ביינאַכט אין וואַלד און שרעקן זיך פאַר יעדן גערויש פון די בלעטער. אַר‑בעטער, איך פאָדער אייך אויף — (מאַכט אַ פּויזע, אויס‑

שטרעקנדיק דִי האַנט בִּיז ס'ווערט אַ פֿולשטענדיקע שטִילקייט) גִיט מִיר דִי פֿולמאַכט צו זאָגן זיי: „פֿאָרט צורִיק נאָך לאָנדאָן, דִי אַרבעטער האָבן גאָרנִישט פֿאַר אייך!" (אַ געמורמל) גִיט מִיר דִי דאָזִיקע פֿולמאַכט און אִיך שווער אייך, אַז אִין אַ וואָך אַרום וועט אִיר באַקומען פֿון לאָנדאָן אַלץ, וואָס אִיר דאַרפֿט.

עוואַנס, יאַגאָ און אַנדערע

דִי פֿולמאַכט! גִיט אִים דִי פֿולמאַכט! בראַוואָ! בראַוואָ!

ראָבערטס

מִיר קעמפֿן נִישט פֿאַר דעם היינטִיקן קליינטשִיקן טאָג (דער געמורמל הערט=אויף) נִישט פֿאַר אונז מִיט אונזערע קליינע קערפּער און זייערע נויטן, מִיר קעמפֿן פֿאַר דִי אַלע, וואָס וועלן קומען נאָך אונז אִין דִי צוקונפֿטִיקע יאָרהונדערטער (מִיט אַ טִיפֿער ערנסטקייט און טרויער) אָ! אַרבעטער, געדענקט וועגן זיי און וואַרפֿט נִישט אויף זייערע קעפּ אַן אִיבערִיקן שטיין, העלפֿט נִישט מִיט צו פֿאַרשוואַרצן פֿאַר זיי דעם הִימל. צולִיב זיי וועלן מִיר אִיבערטראָגן דאָס ערגסטע, וואָס קאָן אונז טרעפֿן. (מִיט ליידנשאַפֿט) לאָמִיר זִיך נעמען צו דער בעסטיע מִיטן ווייסן פּנים און בלוט-רויטע לִיפּן, וואָס האָט אַזוי לאַנג געזויגן דאָס לעבן פֿון אונז, אונזערע פֿרויען און קִינדער. (מִיט דער גרעסטער ערנסטקייט און געשפּאַנטקייט) אויב מִיר וועלן נִישט געפֿינען אִין אונזערע הערצער דעם מוט זִיך אִיר אַנטקעגנשטעלן, ברוסט קעגן ברוסט, אויג קעגן אויג און צווִינגען זִי אָפּטרעטן, בִּיז זִי וועט שרייען רחמים, דאַן וועט זִי זִיך ווייטער נעמען צו זויגן אונזער לעבן און מִיר וועלן אויף שטענדִיק פֿאַרבלייבן דאָס, וואָס מִיר זענען אִיצט (ענדיקט זייער שטִיל) ווייניקער ווי געוויינלעכע הִינט.

(אַ פֿילשטענדִיקע שטִילקייט; ראָבערטס בלייבט שטיין, זיין קערפּער צִיטערט אַבִּיסל, זיינע אויגן קוקן ברענענדִיק אויף דעם המון)

עוואַנס און יאַגאָ

(פּלוצלינג) **ראָבערטס!**

(דער געשריי ווערט אונטערגעהאַלטן)

(ס׳ווערט אַ שטופּעניש אין דעם המון און מעדשז לויפט איבער דעם פּלאַץ און שטעלט זיך ביי דער טריבונע. זי קוקט־אָן ראָבערטס׳ן. ס׳ווערט ווידער אַ שטילקייט, פול מיט ערוואַרטן)

ראָבערטס

דער אַלטער מאַן האָט געזאָגט: „די נאַטור, גיט אייך אונטער דער נאַטור״, און איך זאָג אייך: גיט אַ פּאַטש אין פּנים דער נאַטור, — און זאָל זי זיך טון, וואָס איר געפעלט!

(ער באַמערקט מעדזש, זיינע ברעמען ציען זיך צוזאַמען, ער קערט־אָפּ זיין בליק)

מעדזש

(גאַנץ נאָענט צו דער טריבונע — שטיל) **אייער פרוי האַלט ביים שטאַרבן!**

(ראָבערטס קוקט זי אָן מיט טעמפּקייט, גלייך ווי ער וואָלט אַראָפּגעריסן געוואָרן פון דער הויך פון דער עקזאַלטאַציע)

ראָבערטס

(הרובט פאַרזעצן) **איך זאָג אייך — גיט זיי דעם ענטפער —**

זיין שטים ווערט פאַרטרונקען אין דעם מורמלען פון דעם המון

טאָמאַס

(קומענדיק פאָרויס) **טו האָסט נישט געהערט?**

ראָבערטס

וואָס איז עס?

(אַ טויטע שטילקייט)

טאָמאַס

דיין פרוי, דוד!

(ראָבערטס וואַקלט זיך, דאַן שפּרינגט ער אַראָפּ און גייט דורך געשווינד דורך דעם פּלאַץ, די אַרבעטער טרעטן־אָפּ פאַר אים, דער שטייענדער שיפּמאַן גרייט זיך אָנצוצינדן אַ לאַנטערן, וועלכע ער האַלט אין האַנט. דאָס טאָג־ליכט איז כמעט ווי פאַרשוואונדן)

מעדזש

ער מעג שוין פֿאַרשפּאָרן זיך צו אײַלן! אַנני ראָבערטס איז שוין טויט. (דאָן מיט ליידנשאַפֿט צווישן דער שטילקייט) איר, באַנדע פֿון פֿאַרבלענדעטע הינט! וויפֿל נאָך פֿרויען וועט איר לאָזן שטאַרבן?

(דער המון ציט זיך צוריק פֿון איר און צופֿאַלט זיך אויף גרופּן, מיט אַ באַוועגונג פֿון אומבאַקוועמלעכקייט. מעדזש פֿאַרלאָזט געשווינד דעם פּלאַץ. מען קוקט איר נאָך מיט בייזקייט און כּעס).

לואיס

אַ פֿאַרשאָלטן צונג, די מוידן!

בולגין

איך וועל איר ברעכן דעם קאָפּ.

גרין

ווען מען וואָלט זיך צוגעהערט צו מיר, וואָלט די אָרימע אַנני —

טאָמאַס

ער איז באַשטראָפֿט, ווייל ער האָט געוואָלט גיין קעגן דער אמונה. איך האָב אים געזאָגט, אַז, ס׳וועט צו דעם קומען.

עוואַנס

דאָס אַלץ פּאָדערט פֿון אונז, אַז מיר זאָלן אים בלייבן טריי. (בראַוואָ) וועט איר אים איבערלאָזן אַליין איצט, ווען ער איז באַגראָבן? וועט איר אייך אָפּזאָגן פֿון אים איצט, ווען ער האָט פֿאַרלוירן זיין פֿרוי?

(דער המון מורמלט און דריקט־אויס זיין צושטימונג אין דערזעל־בער צייט)

ראַאוס

גיט אַ שפּרונג אויף דער טריבונע) ער האָט פֿאַרלוירן זיין פֿרוי! נו, איז וואָס? קוקט צו אייך אין שטוב, קוקט אויף

אייער אייגענע פֿרויען! וואָס וועט זיי ראַטעווען? אין גיכן וועט אין יעדן שטוב זיין אַ מת!

לואיס

יאָ, יאָ!

הענרי ראַאוס

ריכטיק זשאָרדזש! ריכטיק!

(געמורמל פֿון צושטימונג)

ראַאוס

נישט מיר זענען בלינד, נור ראָבערטס איז בלינד. ווי לאַנג נאָך וועט איר אים גלויבן?

הענרי ראַאוס, בולגין, דעוויס

מאַכט אַ סוף מיט אים!

(דער געשריי ווערט אונטערגעהאַלטן)

עוואַנס

(ווילד) איר ווילט געבן אַ קלאַפּ אַ מענטשן, ווען ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק?

הענרי ראַאוס

פֿאַרמאַכט אים דעם מויל!

(עוואַנס שאָקלט מיט דער פֿויסט אַלס ענטפֿער אויף בולגינס דראָאונג. דער שיפּמאַן האָט שוין אַנגעצונדן די לאַנטערן און ער האַלט הויך איבער זיין קאָפּ)

ראַאוס

(שפּרינגט ווידער אויף דער טריבונע) און וואָס האָט אים גע-בראַכט דעם אומגליק אויב נישט זיין אייגענע אומער-טרעגלעכע עקשנות? ווילט איר ווייטער נאָכגיין אַ מענטשן, וועלכער זעט אַליין נישט וואוהין זיין וועג פֿירט?

עוואַנס

ער האָט פֿאַרלוירן זיין פֿרוי.

ר א א ו ס

ס׳איז זיין אייגן שולד. מאַכט אַ סוף מיט אים, איידער ער וועט ברענגען צום טויט אייערע אייגענע פרויען און מוטערס.

ד ע ו י ס

נידער מיט אים!

ה ע נ ר י ר א א ו ס

ער איז אַ געענדיקטער מענטש!

ב ר אַ א ו ן

מיר האָבן אים שוין גענוג געהאַט!

ד ע ר ש מ י ד

צו פיל!

(דער גאַנצער המון האלט־אונטער די געשרייען, מיט דער אויס־נאַם פון ע וו אַ נ ס, י אַ ג א און גרין, וועלכער פירט אַ דיסקוסיע מיט דעם ש מ י ד)

ר א א ו ס

(איבערשרייענדיק דעם געפילדער) חברים, מיר וועלן מאַכן שלום מיטן פאַריין.

(אַ רוישנדיקע צושטימונג)

ע וו אַ נ ס

(ווילד) איר שטרייק־ברעכערס!

ב ו ל ג י ן

(אויפגערייצט וואַרפט זיך מיט די פויסט) וועמען רופסטו שטרייק־ברעכער, דו הונט, דו!

(ע וו א נ ס און ב ו ל ג י ן הייבן זיך אָן צו שלאָגן. די צוויי־שיפס־לייט האָבן הנאה פון דעם ספּעקטאַקל. דער אַלטער טאָמאַס טרעט פאָראויס און שטרעקט אויס די האַנט)

טאַמאַס

אַ חרפּה און בזיון!

(דער שמיד, בראַון, לויִס און דער געלער יונג טיילן פאַנאַנדער די צוויי קצמפער. די סצענע איז כמעט חי? פינסטער)

פֿאָרהאַנג פֿאַלט.

דריטער אקט.

(פינף א זייגער נאָכמיטאָג. א גאַסט=צימער ביי די אונדער=וואוד, קינסטלעריש מעבלירט. ענֵיד זיצט אויף א סאָפע און נייט א קינדער=קלייד. עדגאַר שפּילט זיך מיט א כינעזישן קעסטל ביי א קליינעם טיש, וואָס שטייט אין מיטן צימער. זיינע אויגן זענען געווענדעט צו דער טיר, וואָס פירט צום עס=צימער)

עדגאַר

(שטעלט אוועק דאָס קעסטל און קוקט אויף זיין זייגער) ס'איז פּונקט פינף, זיי אַלע וואַרטן שוין דאָרט, אויסער פראַנק. וואו איז ער?

ענֵיד

ער איז אַוועק צו אַ קליענט וועגן אַ קאָנטראַקט. איר וועט אים דאַרפן האָבן?

עדגאַר

ניין. דאָס וועלן מוזן באַשליסן נור די פאַרוואַלטונגס=מיטגלידער. (מיט א האַנט=באַוועגונג צו דער טיר, וואָס איז האַלב פאַרדעקט דורך א פאָרהאַנג) איז דער פאָטער אין זיין צימער?

ענֵיד

יאָ.

עדגאַר

איך וואָלט געוואָלט, ענֵיד, אַז ער זאָל דאָרט בלייבן. (ענֵיד קוקט אים אָן) ס'איז זייער אַן אומאַנגענעמע זאַך, דער גאַנצער ענין.

(ער נעמט ווידער דאָס קעסטלע און דרייט עס צווישן די פינגער)

ע נ י ד

איך בין געווען נאָכמיטאָג ביי ראָבערטסן, טעד.

ע ד ג אַ ר

דו האָסט דאָס ניט געדאַרפט טון.

ע נ י ד

ער פטרט פשוט אַוועק זיין פרוי.

ע ד ג אַ ר

דו ווילסט זאָגן, מ י ר פטרן זי?

ע נ י ד

(פלוצלינג) ראָבערטס וואָלט געדאַרפט נאָכגעבן!

ע ד ג אַ ר

ס'זענען פאַראַן פיל אַרגומענטן לטובת די אַרבעטער.

ע נ י ד

איידער איך בין געגאַנגען אַהין האָב איך געהאַט צוויי־מאָל אַזוי פיל מיטגעפיל צו זיי. זיי העצן אויף דעם קלאַסן־געפיל קעגן אונז. די אָרימע אַנני האָט אויסגע־זען שרעקלעך — דער פייער האָט געהאַלטן ביים אויס־לעשן זיך, — און זי האָט גאָרניט געהאַט וואָס צו עסן. (ע ד ג אַ ר גייט ארום אין צימער) אָבער זי האָט געוואָלט באַ־רעכטיקן ראָבערטסן. אַז מען זעט די אַלע שרעקלעכע זאַכן, וואָס קומען דאָ פאָר, און מען פילט, אַז מען קען גאָרניט העלפן, דאַרף מען פאַרמאַכן די אויגן אויף דער גאַנצער זאַך.

ע ד ג אַ ר

אויב מען קען עס.

ע נ י ד

אַז איך בין אַהין געגאַנגען, בין איך געווען אינגאַנצן אויף זייער זייט. אָבער, ווי נור איך בין דאָרט אָנגעקו־

מען, האָב איך מיט אַמאָל אָנגעהויבן צו פֿילן גאָר אַנ־
דערש. מען רעדט וועגן מיטגעפֿיל צו די אַרבעטענדיקע
קלאַסן, אָבער גיי און פּרווו דורכפֿירן דאָס אין דעם
פּראַקטישן לעבן. ס׳ווייזט אויס, ס׳איז אַן אומגלעכלעע
זאַך.

עדגאַר

אַ!

עניד

ס׳וואָלט געווען שרעקלעך, ווען ס׳וואָלט אַזוי ווייטער
געדויערט. איך האָף, אַז פּאַפּאַ וועט זיי מאַכן הנחות.

עדגאַר

ניין, ער וועט עס נישט. (פֿאַרפֿינסטערט) דאָס איז ביי אים
אַ מין רעליגיע. צום טייוול! איך ווייס, וואָס ס׳וועט גע־
שען! ער וועט ווערן איבערגעשטימט.

עניד

זיי וועלן נישט וואַגן דאָס צו טון!

עדגאַר

זיי וועלן וואַגן, — ווייל זיי זעען נישט קיין אויסוועג.

עניד

(אויפגעבראַכט) ער וועט דאָס קיינמאָל נישט דערלאָזן!

עדגאַר

(זריקט מיט די פּלייצעס) ליבע עניד, אויב מען איז איבער־
געשטימט האָט מען נישט קיין ברירה.

עניד

אָ! (זי שטייט־אויף, באַאומרואיקט) צי וועט ער זיך אָנגעבן
אין דעמיסיע?

עדגאַר

אוודאי! דאָס רירט אָן זיינע הויפּט־פּרינציפּן.

ע נ י ד

ער איז דאָך אָבער אַזוי צוזאַמענגעבונדן מיט דער גע-זעלשאַפט, טעד! ס'וועט אים דאָך ניט איבערבלייבן קיין שום זאַך אין לעבן! ס'וואָלט געווען שרעקלעך! (ע ד ג אַ ר דריקט מיט די פּלייצעס) אָ, טעד, דו דאַרפסט עס ניט דערלאָזן! ער איז שוין אַזוי אַלט!

ע ד ג אַ ר

(באַהאַלטנדיק זיינע געפילן) אין דעם שטרייק איז מיין מיט-געפיל אינגאַנצן אויף דער זייט פון די אַרבעטער.

ע נ י ד

מער ווי דרייסיק יאָר איז ער געווען דער פּאָרזיצער! ער האָט אויפגעבויט די גאַנצע געזעלשאַפט! ער האָט זיי דורכגעפירט דורך די אַלע שווערע צייטן, וואָס זע-נען געווען! אָ, טעד, דו מוזט —

ע ד ג אַ ר

וואָס ווילסטו פון מיר? דו האָסט נאָר וואָס געזאָגט, אַז דו האָפסט, אַז ער וועט מאַכן הנחות און איצט ווילסטו, אַז איך זאָל אים מיטהעלפן אין זיין קאַמף קעגן די הנחות. דאָס קען ניט זיין, ענִיד!

ע נ י ד

(מיט היץ) אַלץ קען זיין פאַר מיר, אויב סאיז פאַראַן אַ געפאַר, אַז פּאַפּאַ זאָל פאַרלירן אַלץ, וואָס איז אים טייער אין לעבן. אויב ער וועט ניט נאָכגעבן, און ער וועט זיין באַזיגט, וועט דאָס אים פּשוט צוברעכן!

ע ד ג אַ ר

דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז ס'וואָלט געווען שרעק-לעך, אויב ס'וואָלט ווייטער אַזוי געדויערט.

ע נ י ד

צי פאַרשטייסטו אָבער ניט, טעד, אַז דער פאָטער וועט

קיינמאָל דאָס נישט איבערטראָגן? דו מוזט זיי ווי נישט
איז אָפּהאַלטן פון דעם. זיי אַלע האבן מורא פאַר אים.
אויב דו וועסט אים אונטערהאַלטן —

עדגאַר
(הויבט די הענט צום שטערן) קעגן מיינע איבערצייגונגען —
קעגן דיינע! ווען עס הויבט־אָן אימעצן צו קוועטשן
פערזענלעך —

ענויד
ס'איז נישט פערזענלעך, ס'איז דאָך פּאַפּאַ!

עדגאַר
ווען עס באַרירט אַ מענטשן, אָדער זיינע נאָענטע, פאַר־
געסט ער וועגן זיינע פּרינציפּן און איבערצייגונגען!

ענויד
(מיט פאַרדרוס) פאַר מיר איז דאָס זייער אַן ערנסטע זאַך.

עדגאַר
איך האָב אים ליב פונקט אַזוי ווי דו. אָבער דאָס האָט
נישט קיין שייכות צו דעם ענין.

ענויד
מיר ווייסן נישט קיין באַשטימטעס וועגן די אַרבעטער.
אָבער מיר ווייסן גאַנץ גענוי, אַז מיטן פּאַפּאַ קען יעדן
טאָג טרעפן אַ האַרץ־שלאַג. ווילסטו באמת זאגן, אַז ער
ער איז פאַר דיר נישט וויכטיקער, איידער —

עדגאַר
אוודאי, ער איז וויכטיקער.

ענויד
אויב אַזוי, פאַרשטיי איך דיך שוין נישט.

עדגאַר
הם!

עניד

כ'וואָלט פאַרשטאַנען, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן זיך אַליין. אָבער פאַר דיין אייגענעם פאָטער! דו שטעלסט דיר נישט פאָר –

עדגאַר

איך שטעל מיר זייער גוט פאָר.

עניד

דיין ערשטער חוב איז אים צו ראַטעווען.

עדגאַר

איך האָב נישט די זיכערקייט.

עניד

(מיט געבעט) אָ, טעד! ס'איז די איינציקע זאַך, וואָס אינטערעסירט אים אין זיין לעבן. דאָס וועט זיין פאַר אים אַ טויט-קלאַפּ!

עדגאַר

(באַהערשט זיינע געפילן) איך וויים.

עניד

זאָג מיר צו.

עדגאַר

איך וועל טון, וואָס איך וועל קענען.

(ער גייט צו דער טיר, וואָס פירט צום עס-צימער. ס'עפנט זיך די טיר הינטער דעם פאָרהאַנג, און ענטאָני באַווייזט זיך אין צימער. עדגאַר עפנט די צווייטע טיר און גייט אַרויס. בעת די טיר איז אָפן הערט זיך שוואַך די שטימע פון סקענטלבערי: „ס'איז שוין נאָך פינף; מיר וועלן נישט ענדיקן צו דער צייט און מיר וועלן דאַרפן נאָך אַמאָל מיטאָג-עסן אין דעם פורכטבאַרן האָטעל". די טיר מאַכט זיך צו. ענטאָני גייט פאָרווערטס)

ענטאָני

איך האָב געהערט, אַז דו ביסט געווען ביי ראָבערטסן.

ענידיאָ.

ענטאָני
ווייסטו, צו וואָס מען קאָן פאַרגלייכן דעם פּרוב אויפ־צובויען אַ בריק איבער אַזאַ תהום, ווי אונזערער? (עניד לייגט אַוועק דאָס קליידל אויף אַ טיש און קוקט אים אָן) צו טראָגן וואַסער אין אַ זיפּל.

עניד
רעד נישט אַזוי.

ענטאָני
דו קלערסט, אַז דו וועסט קאָנען מיט דיין ווייכער האַנט אויסהיילן די חולאת פון דעם גאַנצן יאָרהונ־דערט. (ער גייט דורך)

עניד
פאָטער, (ענטאָני שטעלט זיך אָפּ ביי דער טיר פון עס צימער) איך קלער נור וועגן דיר!

ענטאָני
(ווייכער) איך קאָן אַליין זאָרגן וועגן זיך, מיינע טייערע.

עניד
צי האָסטו אַ טראַכט געטון, וואָס וועט זיין, אויב דו ביסט דאָרטן — (זי ווייזט אָן די טיר) — באַזיגט?

ענטאָני
איך רעכן נישט צו זיין באַזיגט.

עניד
אָ! פאָטער, גיב זיי נישט די מעגלעכקייט. דו פילסט דיך נישט גוט; צי דאַרפסטו בכלל גיין אויף דער זיצונג?

ענטאָני

(מיט א פינסטערן שמייכל) גלאַט אַנטלויפן?

עניד

זיי וועלן דאָך דיך איבערשטימען!

ענטאָני

(לייגט די האַנט אויף דער קלאַמקע) מיר וועלן זען.

עניד

פאַפאַ, איך בעט דיך! (ענטאָני קוקט זי אָן ווייך) דו ווילסט נישט?

(ענטאָני שאָקלט מיטן קאָפּ. ער עפנט די טיר. ס'לאָזן זיך הערן שטימען)

סקענטלבערי

צי קאָן מען באַקומען אַ מיטאָג אין דעם צוג פון 6,30?

טענשט

ניין, איך גלייב נישט.

ווילדער

נו, איך וועל אַרויסזאָגן מיין מיינונג; ס'איז מיר שוין דערעסן.

עדגאַר

(שאַרף) וואָס?

(פלוצים ווערט שטיל. ענטאָני גייט דורך, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר. עניד שפרינגט־אויף מיט אַ באַוועגונג פון פאַרצווייפלונג און לויפט צו דער טיר. זי נעמט די קלאַמקע און הויל עפענען; דאַן גייט זי צום אויוון און קלאַפּט נערוועזיש מיט דעם פוס. פלוצים הייבט זי אָן צו קלינגען. פראָסט קומט אַריין דורך דער טיר, וואָס פירט צום פאַרצימער)

פראָסט

מאַדאַם?

עניד

ווען די אַרבעטער וועלן קומען, פּראָסט, פירט זיי אַריין אַהער; אין דעם פּאָרצימער איז קאַלט.

פּראָסט

זיי קאָנען וואַרטן אין דער קיך, מאַדאַם.

עניד

ניין. איך וויל ניט זיי — זיי באַליידיקן. זיי זענען אַזוי פילבאַר.

פּראָסט

יאָ, מאַדאַם. (אַ פּויזע) איך בעט פּאַרצייאונג, אָבער הער ענטאָני האָט נאָך דעם גאַנצן טאָג גאָרניט געגעסן.

עניד

איך ווייס, פּראָסט.

פּראָסט

גאָרניט, חוץ צוויי גלעזלעך וויסקי מיט סאָדע־וואַסער, מאַדאַם.

עניד

אָ, איר האָט אים דאָס ניט געדאַרפט געבן.

פּראָסט

(ערנסט) הער ענטאָני איז שוין ניט קיין יונגער מאַן און ער פאַרלאַנגט, אַז זיין ווילן זאָל אויסגעפירט ווערן.

עניד

איך רעכן, אַז מיר אַלע ווילן דאָס.

פּראָסט

יאָ, מאַדאַם. (רואיק) איך בעט אַנטשולדיקונג, וואָס איך וועל ריידן וועגן דעם שטרייק. איך בין זיכער, אַז אויב די אַנדערע הערן וואָלטן נאָכגעגעבן דעם הער ענטאָני

און שפעטער וואָלטן זיי געגעבן רואיִק די אַרבעטער דאָס, וואָס זיי פאָדערן, וואָלט עס געווען דער בעסטער אויס־וועג. איך האַלט, אַז דאָס איז זייער נוצלעך מיט איִם פון צייט צו צייט, מאַדאַם. (ע נ י ד שאָקלט מיטן קאָפּ) אויב עפּעס געשעט קעגן זיין ווילן, ווערט ער שטאַרק אויפ־געריגט (ווי ער וואָלט געמאַכט אַן אַנטדעקונג) און איך האָב באַמערקט אויף מיין אייגן ביישפּיל, אַז אויב איך ווער אויפגערעגט, האָב איך שטענדיק שפּעטער חרטה.

ע נ י ד

(מיט אַ שמייכל) א י ר ווערט אַמאָל אויפגערעגט, פּראָסט?

פּ ר אָ ס ט

יאָ, מאַדאַם. אָ, און אַמאָל גאַנץ שטאַרק.

ע נ י ד

איך האָב עס נאָך קיינמאָל ניִשט געזען.

פּ ר אָ ס ט

(סתּם) ניין, מאַדאַם. אָבער אַזוי איז עס.

(ע נ י ד קוקט אומרואיִק אויף די טיר. פּ ר אָ ס ט רעדט ווייטער מיט אַביסל היץ)

זייענדיק צוזאַמען מיט הער ענטאָני, ווי איר ווייסט מאַ־דאַם פון דער צייט אָן, ווען איך בין אַלט געווען פופ־צען יאָר, פאַרדריִסט עס מיך צו זען, אַז ער האָט איצט אַזעלכע אומאַמגענעמלעכקייטן אין זיינע יאָרן. איך האָב מיִר ערלויבט צו ריידן מיטן הער אויאָנקלין (שטילער) — איך האַלט איִם פאַר דעם קליגסטן פון זיי אַלע, — אָבער ער האָט מיִר געזאָגט: „דאָס איז אַלץ זייער גוט, פּראָסט, אָבער דער שטרייק איז זייער אַן ערנסטע זאַך" זאָגט ער, „ס'איז ערנסט פאַר אַלעמען", זאָג איך, „אָבער טוט איִם צוליב — מיין הער", זאָג איך, „טוט איִם צוליב. ס'איז גלייך, ווי אַ מענטש שטייט פאַר אַ שפּיגלענער וואַנט, וועט ער ניִשט שלאָגן מיטן קאָפּ

אָן דער וואַנט, נור ער וועט זי אַריבערקריכן". "יאָ, זאָגט ער, זאָגט עס בעסער אייער הער". (פראָסט באַקוקט זיינע נעגל) אַזוי האַלט עס, מאַדאַם. איך האָב געזאָגט היינט אינדערפרי צו הער ענטאָני: "צי איז עס ווערט, מיין הער?" "צום טייוול, זאָגט ער צו מיר, פראָסט! פאַרנעם דיך מיט דיינע געשעפטן, אָדער פאַרלאָז דיין פּאָסטן!" איך בעט אייך איבער, מאַדאַם, פאַר באַנוצן אַזעלכע ווערטער.

ענ יד

(זי גייט צו דער טיר פון עס-צימער און הערט זיך צו) צי קענט איר ראָבערטסן, פראָסט?

פראָסט

יאָ, מאַדאַם; דאָס הייסט, איך האָב מיט אים נישט גע- רעדט. אָבער בלויז אים געזען, קען מען שוין זאָגן, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז.

ענ יד

(אָפּשטעלנדיק זיך) יאָ?

פראָסט

ער איז נישט איינער פון די געוועגלעכע, נישט געפער- לעכע סאָציאַליסטן. ער איז אַ מענטש פון געוואַלט; ער האָט אַ פייער אין זיך. איך רוף דאָס מיטן וואָרט „פערזענלעך". אַ מענטש קען האָבן איבערצייגונגען, וועל- כע געפעלן אים, אַזוי לאַנג ווי ער איז נישט „פערזענ- לעך". אָבער ווען ער ווערט עס, דאַן ווערט ער שוין געפערלעך.

ענ יד

איך רעכן, אַז מיין פאָטער האָט דיזעלבע מיינונג וועגן ראָבערטסן.

פּראָסט

ס׳איז זיכער, מאַדאַם, אַז הער ענטאָני האָט אים נישט ליב.

(ענ ייד וואַרפט אויף אים אַ שאַרפן קוק, זעט אָבער, אַז ער איז אינגאַנצן ערנסט, בלייבט שטיין בייסנדיק די ליפּן און קוקט ווייטער אויף די טיר)

ס׳איז אַן אמתער קאַמף בינז טויט צווישן די צוויי מענער. איך האָב נישט קיין סך געדולד צו דעם ראָבערטס. ווי איך האָב געהערט, איז ער נישט מער ווי אַ פּשוטער אַרבעטער, גלייך ווי אַלע פון זיי. אויב ער האָט געמאַכט עפּעס אַן ערפינדונג, איז מיט אים געשען דאָס־זעלבע, וואָס געשעט מיט הונדערטער אַנדערע. מיין אייגענער ברודער האָט ערפונדן אַ נייעם סאָרט „שטומען קעלנער" — און קיינער האָט א י ם גאָרנישט דערפאַר געגעבן, און אַלע באַנוצן זיך מיט זיין ערפינדונג.

(ענ ייד גייט צו נעענטער צו דער טיר)

ס׳איז פאַראַן אַ סאָרט מענטשן, וואָס וועט קיינמאָל נישט מוחל זיין דאָס, וואָס ער איז נישט געבוירן אַן אַריסטאָקראַט. איך זאָג אָבער אַז אַ מענטש, וואָס איז אַ מענטש, וואָס איז אַ דזשענטעלמען, וועט נישט קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף אַ צווייטן מענטש, ווייל יענער איז צופעליק מיט אַ קלאַס אָדער צוויי נידריקער פאַר אים, אָדער מיט אַ קלאַס אָדער צוויי העכער פאַר אים.

ענייד

(מיט אַ לייכטער אומגעדולד) יאָ, פּראָסט, אוודאי, אוודאי — ווילט איר אַריינגיין און פרעגן זיי, צי זיי ווילן טיי, זאָגט, אַז איך האָב אייך געשיקט.

פּראָסט

יאָ, מאַדאַם.

(ער עפֿנט פֿאַרזיכטיק די טיר און גייט אַריין. ס׳לאָזט זיך הערן שטיקלעך פֿון אַן ערנסטן, אויפֿגערעגטן געשפּרעך)

ווילדער
איך בין מיט אייך נישט מסכּים.

אואַנקלין
מיר האָבן שוין באַטראַכט דאָס הונדערט מאָל.

עדגאַר
(אומגעדולדיק) נו, וואָס זשע שלאָגט מען פֿאָר?

סקענטלבערי
יאָ, וואָס זאָגט אייער פֿאָטער? טיי? דאַנק אייך, נישט פֿאַר מיר!

אואַנקלין
אויף וויפֿיל איך פֿאַרשטיי, זאָגט דער פֿאָרזיצער —
(פֿראָסט קומט צוריק, פֿאַרמאַכנדיק די טיר הינטער זיך)

עניד
(אוועקגייענדיק פֿון דער טיר) זיי ווילן נישט קיין טיי, פֿראָסט
(זי גייט צום טיש, און בלייבט אין באַוועגונג, קוקנדיק אויף דאָס קינדער־קליידל. פֿון דעם פֿאַרצימער גייט אַריין אַ קאַמער־מיידל)

דאָס קאַמערמיידל
אַ פֿריילין טאָמאַס וויל אייך זען, מאַדאַם.

עניד
(אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ) טאָמאַס? וואָס פֿאַר אַ פֿריילין טאָמאַס — מיינט איר אַ —?

די קאַמערמיידל
יאָ, מאַדאַם.

עניד
(אָן שום אויסדרוק) אָ! וואו איז זי?

די קאַמערמיידל
ביים איינגאַנג.

ענ‌יד

איך וויל ניִשט – (זי וואַקלט זיך)

די קאַמערמיידל

זאָל איך זי ערלעדיקן, מאַדאַם?

ענ‌יד

איך וועל אַרויסגיין, צו איר. ניין, רופט זי דאָ אַריין, עלעלען.

(די קאַמערמיידל און פראָסט גייען אַרויס. ענ‌יד זעצט זיך מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן ביי דעם טיש און נעמט אין האַנט דאָס קינדער־קליידל. די קאַמערמיידל פירט אַריין מעדזש טאָמאַס און גייט אַרויס. מעדזש בלייבט שטיין ביי דער טיר)

ענ‌יד

קומט אַריין. וואָס איז עס? פאַרוואָס זייט איר געקומען?

מעדזש

איך בין געקומען אין שליחות פון פרוי ראָבערטס.

ענ‌יד

אין שליחות? ביטע.

מעדזש

זי בעט אייך, איר זאָלט העלפן איר מוטער.

ענ‌יד

איך פאַרשטיי ניִשט.

מעדזש

(מיט פאַרדרוס) דאָס איז דאָס שליחות.

ענ‌יד.

אָבער – וואָס – פאַרוואָס?

מעדזש

אַנני ראָבערטס איז געשטאָרבן. (אַ שווייגן)

ענ״ד

(פייל מיט שרעק) ערשט מיט אַ שעה צוריק האָב איך זיי דאָך געזען!

מעדזש

פון קעלט און הונגער.

ענ״ד

(אויפשטייענדיק) אָ! ס׳איז נישט אמת! ס׳איז איר אַרים הארץ— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? איך האָב געפּרובט איר קומען צו הילף.

מעדזש

(מיט דערשטיקטער ווילדקייט) איך האָב געמיינט, אַז איר וועט וועלן וויסן.

ענ״ד

(מיט געפיל) ס׳איז אַזוי אומגערעכט! צי זעט איר נישט, אַז איך וואָלט געוואָלט אייך אַלעמען העלפן?

מעדזש

איך האָב קיינמאָל נישט געטון קיין שלעכטס יענעם וואָס האָט מיר דער ערשטער קיין שלעכטס נישט געטון.

ענ״ד

(קאַלט) וואָס פאַר שלעכטס האָב איך אייך געטון? פאַר וואָס רעדט איר אַזוי צו מיר?

מעדזש

(מיט דער ביטערסטער אָנשטרענגונג) איר קומט פון אייער קאָמ־פאָרט, כדי אונז צו שפּיאָנירן! אַ וואָך פון הונגער, זאָגט וואָס איר וואָלט געדאַרפט האָבן!

ענ״ד

(באַהערשט זיך) רעדט נישט קיין נאַרישקייטן!

מעדוש

איך האָב געזען, ווי זי איז געשטאָרבן. אירע הענט זענען געווען בלוי פון קעלט.

ענִיד

(מיט א באַוועגונג פון צער) אָ! פאַרוואָס האָט זי מיר נישט געלאָזט איר קומען צו הילף? ס'איז אַזאַ זינלאָזער שטאָלץ!

מעדוש

מען קאָן זיך בעסער וואַרמען מיט שטאָלץ איידער מיט גאָרנישט.

ענִיד

(מיט געפיל און אויפרעגונג) איך וויל נישט רעדן מיט אייך! וואָס ווייסט איר, וואָס איך פיל? ס'איז נישט מיין שולד, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן אין בעסערע באַדינגונגען ווי איר.

מעדוש

מיר דאַרפן נישט אייער געלט.

ענִיד

איר פאַרשטייט נישט און איר ווילט נישט פאַרשטיין; איך בעט אייך, גייט אַוועק!

מעדוש

(טרויעריק) נישט קוקנדיק אויף אַלע אייערע ווייכע ווערטער, האָט איר זי דערהרגעט, איר און אייער פאָטער—

ענִיד

(מיט אויפרעגונג און כעס) דאָס איז אומפאַרשעמט. מיין פאָטער ליידט אויך דורך דעם פאַרפלוכטן שטרייק.

מעדוש

(מיט א ביזן נצחון) טאָ זאָגט אים, אַז פרוי ראָבערטס איז געשטאָרבן! דאָס וועט אים שאַפן פאַרגעניגן.

ע נ י ד

גייט אַוועק!

מ ע ד ז ש

אַ גליק, וואָס זי האָט נישט קיין קינדער, ווי איר.

(זי מאַכט אַן אומערוואַרטעטע און גיכע באַוועגונג צו ע נ י ד, די אויגן געווענדעטע אויף דאָס קינדער־קליידל, וואָס ליגט אויף דעם טיש. ע נ י ד כאַפּט דאָס קליידל, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען דאָס קינד אַליין. זיי שטייען אַ מעטער איינע פֿון דער צווייטער, פֿירנדיק אַ שטרייט מיט זייערע אויגן)

מ ע ד ז ש

(אָנווייזנדיק אויפֿן קליידל מיט אַ שמייכל) **אָ! דאָס האָט איר דערפֿילט!**

(ע נ י ד, וועלכע האַלט ביים צעוויינען זיך, גלעט־אויס דאָס קליידל)

ע נ י ד

גייט אַוועק!

מ ע ד ז ש

איך האָב אייך איבערגעגעבן די שליחות.

זי דרייט זיך אוים און גייט אַרויס אין פֿאָרצימער. ע נ י ד בלייבט אָן באַוועגונג ביז יענע איז אַוועק, דאַן לאָזט זי זיך אַראָפּ צום טיש, דריקנדיק אָלץ צו זיך דאָס קליידל. די טיר פֿון עס־צימער עפֿנט זיך, און ע נ ט אָ נ י קומט לאַנגזאַם אַריין. ער גייט דורך נעבן זיין טאָכטער און זעצט זיך אַוועק אין אַ פֿאָטעל. ער איז זייער רויט)

ע נ י ד

(באַהאַלטנדיק איר אויפֿרעגונג און מיט אומרו) **וואָס איז עס פּאַפּאַ?**

(ע נ ט אָ נ י מאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, אָבער שווייגט

וואָס איז געשען?

ע נ ט אָ נ י ענטפֿערט נישט. ע נ י ד גייט צו דער טיר און טרעפֿט ע ד ג אַ ר׳ן, וועלכע קומט פּונקט אַריין. זיי רעדן צוזאַמען שטיל)

ע נ י ד

וואָס איז געשען, טעד?

עדגאַר

אַזאַ בעסטיע דער ווילדער! ער האָט אָנגעהויבן מיט פערזענלעכקייטן! ער האָט אים טיף באַליידיקט.

ענ‏יד

וואָס האָט ער געזאָגט?

עדגאַר

ער האָט געזאָגט, אַז דער פאָטער איז צו אַלט און צו שוואַך, כדי ער זאָל וויסן, וואָס ער טוט! פּאַפּאַ איז ווערט זעקס אַזעלכע, ווי ער.

ענ‏יד

אוודאי, איז ער ווערט.

(זיי קוקן אויף ענטאָני. די טיר עפנט זיך ברייטער און ס'באַווייזן זיך אויאָנקלין און סקענטלבערי)

סקענטלבערי

(שטילערהייט) מיר געפעלט נישט די גאַנצע מעשה!

אויאָנקלין

(גייענדיק פאָראויס) קומט־אַהער, פאָרזיצער! ווילדער שיקט אייך זיין אַנטשולדיקונג. מער קאָן אַ מענטש נישט טון

(ווילדער און טענטש קומען אריין. ווילדער דערנענטערט זיך צו ענטאָני)

ווילדער

(פאַרפינסטערט) איך נעם צוריק מיינע ווערטער, הער ענטאָני. איך באַדויער זיי.

(ענטאָני שאָקלט צו אים צושטימענד מיטן קאָפּ)

ענ‏יד

איר זייט נאָך נישט געקומען צו אַ באַשלוס, הער אויאָנקלין?

(אויאָנקלין שאָקלט, אַז ניין)

אויאָנקלין

מיר זענען אַלע דאָ, הער פאָרזיצער. ווי האַלט איר,

מיר ווילן דאָ פאַרטזעצן, אָדער מיר ווילן צוריקגיין אין יענעם צימער?

סקענטלבערי

יאָ, יאָ, לאָמיר דאָ פאָרטזעצן. מיר מוזן דאָך קומען צו עפּעס.

(ער קלייבט זיך אויס דעם גרעסטן שטול און זעצט זיך באַקוועם אַוועק. ווילדער און וואָנקלין זעצן זיך אויך. טענטש שטעלט אַוועק אַ באַשיידענעם שטול גאַנץ נאָנט צום פּאָרזיצער, זעצט זיך אַוועק באַשיידן, האַלטנדיק דעם פּראָטאָקאָל-בוך און אַ פּען)

עניד

(שטילערהייט) איך וויל דיר עפּעס זאָגן, טעד.

(זי און עדגאַר גייען אין דעם עס-צימער)

וואָנקלין

הער פּאָרזיצער, איך רעכן, אַז מיר טאָרן זיך נישט לאָזן באַרואיקן מיט דעם געפיל פון אַ פאַלשער זיכערקייט. אויב דער שטרייק וועט נישט נעמען אַ סוף פאַר דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די אַקציאָנערן, וועלן זיי אונז זיכער שיקן צו אַלדע שוואַרץ-יאָר.

סקענטלבערי

(אויפשפרינגענדיק) וואָס — וואָס זאָגט איר?

וואָנקלין

איך ווייס עס גאַנץ זיכער.

ענטאָני

לאָזט זיי טון, וואָס זיי ווילן ווילן!

ווילדער

און מיר זאָלן זיך לאָזן אַרויסשמייסן?

וואָנקלין

(צו ענטאָני) איך וואָלט געקאָנט איינגיין צו ווערן אַ

קרבן פון אַזאַ פּאָליטיק, אין וועלכער איך גלויב, אָבער איך וויל נישט געשיקט ווערן אויפן מזבח צוליב די פּרינציפּן פון אַן אַנדער מענטשן.

סקענטלבערי:
ס'איז גאַנץ ריכטיק—איר דאַרפט עס אָנערקענען, הער פּאָרזיצער.

ענטאָני.
אונזער חוב בנוגע אונזערע אונטערנעמער פּאָדערט, אַז מיר זאָלן בלייבן פעסט.

אואָנקלין.
יעדע זאַך האָט אָבער אַ גרענעץ.

ענטאָני.
איר זייט אַלע געווען אַזוי קאַמפּסלוסטיג אין אָנהויב.

סקענטלבערי.
(מיט אַ זיפץ.) מיר האָבן געמיינט, אַז די אַרבעטער וועלן זיך אונטערגעבן, אָבער—זיי האָבן עס נישט געטון!

ענטאָני.
זיי וועלן עס טון!

ווילדער.
(אויפשטייענדיק און שפּאַצירנדיק אַרום דעם צימער.) איך קען נישט דערלאָזן, אַז מיין רעפּוטאַציע פון אַ געשעפטס־מאַן זאָל גיין צו גרונד צוליב דעם פאַרגעניגן פון אויסהונגערן די אַרבעטער. (כמעט מיט טרערן.) איך קען דערצו נישט דערלאָזן! ווי אַזוי וועלן מיר זיך טרעפן מיט די אַקציאָנערן, אויב דער געשעפט וועט בלייבן אין אַזאַ צושטאַנד, ווי ער איז יעצט?

סקענטלבערי.
גאַנץ ריכטיק, גאַנץ ריכטיק!

ווילדער.

(קלאפּט זיך אין די ברוסט.) צי קען איך זיי זאָגן, אַז איך האָב שוין פאַרלוירן זייערס פופציק טויזנט פונט און איך וויל ווייטער פאַרלירן פופציק טויזנט פון אייערע געלט־טער, אַבי מיין שטאָלץ זאָל נישט ליידן? (ווארפנדיק א קוק אויף ענטאָני.) דאָס איז—דאָס איז קעגן דער נאַטור! איך וויל מיך נישט אייך אַנטקעגנשטעלן, הער פּאָרזיצער—

אונאָנקלין

(מיט איבערצייגונג.) פאַרשטייט דאָך, הער פּאָרזיצער, מיר זענען נישט פריי אין אונזער האַנדלונג. מיר זענען אַ טייל פון אַ מאַשין. אונזער איינציקע אויפגאַבע איז, צו זאָרגן, אַז די געזעלשאַפט זאָל האָבן וואָס גרעסערע ריוחים. אויב איר וועט מיר פאָרוואַרפן אַ מאַנגל פון פּרינציפּן, וועל איך אייך זאגן: מיר זענען נור די פאַרטרויאונגס־מענער. דער געוויינלעכער שכל זאָגט אונז, אַז מיר וועלן קיינמאָל נישט איינברענגען זיך דורך די פאַרקלענערטע לוינען דאָס, וואָס מיר פאַרלירן, אויב דער שטרייק וועט דויערן.—באמת, מיר מוזן מאַכן צו דעם אַ סוף, הער פּאָרזיצער, און לאָמיר געפינען די בעסטע באַדינגונגען.

ענטאָני.

ניין!

(א פּויזע. אן אלגעמיינע פארצווייפלונג.)

ווילדער.

מיר זענען אין אַ טעמפּן ווינקל. (לאָזט אָפּ די הענט מיט אַן אויסדרוק פון יאוש.) איצטער וועל איך שוין נישט קאָנען אָפּפאָרן נאָך שפּאַניען!

אונאָנקלין.

(מיט א שפּור פון איראָניע.) איר הערט, הערט פּאָרזיצער, צו

װאָס פאַר אַ רעזולטאַטן ברענגט אײַער זיג?

װיִלדער.
(מיִט כּעס און געפּיִל.) מײַן פרוי איִז קראַנק!

סקענטלבעריִ.
אַך, גאָט! ס'איִז באמת טרויריִק!

װיִלדער.
אויב זיִ װעט ניִשט אַװעקפּאָרן פון דיִ דאָזיִקע קעלט,
נעם איִך פון זיִך אַראָפּ דיִ פאַראַנטװאָרטלעכקייט.

(עדגאַר קומט אַרײַן איִן שטוב מיִט אַן ערנסטן אויסזען.)

עדגאַר:
(צו ענטאָניִ) האָט איר שוין געהערט? פרוי ראָבערטס איִז געשטאָרבן! (אַלע קוקן אים אָן, װיִ מעסטנדיִק דיִ װיִכטיִקייט פון דער ידיעה.) ענידָ האָט זיִ געזען הײַנט נאָכמיִטאָג, זיִ האָט ניִשט געהאַט קיין קוילן און גאָרניִשט צו עסן ס'איִז געװוּג!

(ס'װערט אַ שטיִלקייט. אַלע מײַדן אויס צו טרעפן זיִך מיִט דיִ אויגן פון צװייטן, נאָר ענטאָניִ קוקט אויפמערקזאַם אויף זײַן זון.)

סקענטלבעריִ.
איִר מיינט דאָך ניִשט צו זאָגן, אַז מיִר האָבן געקאָנט העלפן דער אָרעמער פרוי?

װיִלדער.
(אויפגעגרעגט.) זיִ איִז שוין פריִער געװוען זייער קראַנק. קיינער קען ניִשט זאָגן, אַז אויף אונז פאַלט װעלכע ניִשט איִז פאַראַנטװאָרטלעכקייט. יעדנפאַלס—ניִשט אויף מיִר.

עדגאַר.
(היציִק.) איִך זאָג, אַז מיִר זענען פאַראַנטװאָרטלעך.

ענטאָניִ.
מלחמה איִז מלחמה!

עדגאַר.

נישט קענען פֿרויען!

אונקלין.

ס'טרעפֿט נישט זעלטן, אַז די פֿרויען ליידן אַם מייסטן.

עדגאַר.

אויב מיר האָבן דאָס געוואוסט, פֿאַרגרעסערט דאָס נאָך אונזער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ענטאָני.

ס'איז נישט קיין אַרבעט פֿאַר דילעטאַנטן.

עדגאַר.

רופֿט מיך מיט וואָס פֿאַר אַ נאָמען אייך געפֿעלט. איך קען דאָס שוין מער נישט איבערטראָגן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו פֿאַרפֿירן דעם ענין אַזוי ווייט.

ווילדער.

דער עסק געפֿעלט מיר גאָרנישט—די דאָזיקע ראַדיקאַלע שמאַטע וועט דאָס שוין אויסנוצן אויף איר שטייגער. איר וועט זען! זיי וועלן באַלד צונויפֿשטעלן אַ מעשה—וואָס איז נישט געפֿלויגן און נישט געשטויגן, וועגן אַן אָרימער פֿרוי, וואָס איז געשטאָרבן פֿון הונגער. איך נעם אַראָפּ יעדע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון זיך.

עדגאַר.

איר קענט עס נישט טון. קיינער פֿון אונז קען עס נישט טון.

סקענטלבערי.

(גיט אַ קלאַפּ מיט זיין האַנט איבער די פּאַרענטעס פֿון זיין שטול.)

אָבער איך דריק אויס מיין פּראָטעסט קעגן אַזאַ—

עדגאַר.

אייערע פּראָטעסטן, הער סקענטלבערי, וועלן נישט ענדערן די פֿאַקטן.

ענטאָני.

גענוג!

עדגאַר.

(קוקט אים אָן מיט כעס.) ניין, איך זאָג אייך גענוי דאָס וואָס איך טראַכט. אויב מיר רעדן זיך איין, אַז די אַרבעטער לאָזן ניט, איז דאָס אַ שווינדל; און אויב זיי ליידן, דאַן זענען מיר גענוג באַקאַנט מיט דער מענשלעכער נאַטור כדי צו וויסן, אַז זייערע פרויען ליידן נאָך מער; און וואָס אָנבעלאַנגט די קינדער — דאָס — ס'איז אַ גרויל! (סקענטלבערי שטייט אויף פון זיין שטול.) איך זאָג ניט, אַז מיר האָבן געוואָלט זיין אוממענשלעך, איך זאָג עס גאָרניט; אָבער איך זאָג, אַז ס'איז אַ פאַרברעכן צו פאַרמאַכן די אויגן אויף פאַקטן. דאָס זענען אונזערע אַרבעטער און מיר קענען זיך ניט פון דעם אַרויס־דרייען. די אַרבעטער גייען מיר נאָך ניט אַזוי פיל אָן, אָבער איך וועל מיך גיכער אָפּזאָגן צו זיין אַ פאַר־וואַלטונגס־מיטגליד, איידער דערלאָזן, אַז אויך ווייטער זאָלן פרויען שטאַרבן פון הונגער.

(אַלע, אויסער ענטאָני, זענען שוין אויף די פיס, ענטאָני בלייבט זיצן; האַלטנדיק פעסט דעם פאָרענטש פון זיין שטול און קוקנדיק זיין זון גלייך אין די אויגן)

סקענטלבערי:

מיר געפעלט ניט — מיר געפעלט ניט אייער אַרט אַ וועקשטעלן די פראַגע, יונגערמאַן.

וואַנקלין

איר האָט אַ ביסלע איבערגעכאַפּט.

ווילדער

איך בין דערזעלבער מיינונג.

עדגאַר

(פאַרלירנדיק דעם קאָנטראָל איבער זיך) איך וויל רעדן קלאָרע

דבורים. אויב איר ווילט, אַז אייערע הענט זאָלן זיין באַפלעקט מיט דעם טויט פון פרויען, — וויל איך עס נישט!

סקענטלבערי

נו, נו, יונגערמאַן!

ווילדער

אויף **אונזערע** הענט! נישט אויף **מיינע**, איך וויל עס נישט האָבן!

עדגאַר

מיר זענען פינף מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג; אויב מיר זענען געווען פיר קעגן דעם, פאַרוואָס האָבן מיר דערלאָזט, אַז ס'זאָל קומען צו אַזאַ לאַגע? איר ווייסט גאַנץ גוט פאַרוואָס — ווייל מיר האָבן געהאפט, אַז דער הונגער וועט צווינגען די אַרבעטער זיך אונטערגעבן. נו, און אַלץ, וואָס מיר האָבן דערגרייכט, דאָס איז דער הונגער-טויט פון איין פרוי.

סקענטלבערי

(כמעט היסטעריש) איך פראָטעסטיר, איך פראָטעסטיר! איך האָב מענשלעכע געפילן, — מיר אַלע האָבן מענשלעכע געפילן.

עדגאַר

(מיט פאַראַכטונג) אונזער **מענשלעכקייט** איז אין אָרדנונג. אָבער אונזערע פעאיקייטן פאַרויסצוזען, הערר סקענטלבערי!

ווילדער

אונזין! מיין פעאיקייט פאַרויסצוזען איז פונקט אַזוי גוט ווי אייערע.

עדגאַר

אויב אַזוי, איז זי גענוג שלעכט.

וויַלדער

איך האָב פּאָרויסגעזען, אַז מיט דעם וועט זיך ענדיקן!

עדגאַר

טאָ פאַרוואָס האָט איר ניט געהאַנדלט אַנטשפּרעכנד?

וויַלדער

אַ סך וואָלט דאָס געהאָלפן. (ער קוקט אָן עגנטאָגן)

עדגאַר

אויב איר און איך און יעדער פון אונז, וואָס זאָגט אַז ער קאָן אַזוי גוט פאָרויסזען —

סקענטלבערי

(מיט אויפרעגונג) איך האָב עס קיינמאָל ניט געזאָגט.

עדגאַר

— וואָלטן געהאַנדלט אַנטשפּרעכנד, וואָלט זי דאָך שוין פון לאַנג געווען אַ פאַרענדיקטע און דאָס לעבן פון דער דאָזיקער אָרימער פרוי וואָלט ניט געווען אַזוי גיך אָפּגעהאַקט. און ווער ווייסט, אפשר איז איצטער פאַראַן נאָך אַ טוץ פון אַנדערע פרויען, וואָס האַלטן ביים שטאַרבן פון הונגער.

סקענטלבערי

אום גאָטעס-ווילן, מיין הער, באַנוצט אייך ניט מיט דעם וואָרט אויף — אויף אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג; ס'איז — ס'איז אומערהערט.

עדגאַר

איך וועל זיך באַנוצן, הער סקענלבערי.

סקענטלבערי

דאַן וויל איך אייך ניט הערן. איך וויל ניט הערן! ס'איז פאַר מיר צו שמערצלעך. (ער דעקט זיך צו די אויערן מיט די הענט)

אונקלין

קיינער פון אונז איז נישט קעגן אַן אויסגלייך, אויסער אייער פאָטער.

עדגאַר

איך בין זיכער, אַז אויב די אַקציאָנערן וואָלטן גע־וואוסט —

אונקלין

איך גלויב נישט, אַז זייערע פעאיקייטן זאָלן זיך אַרויס־ווייזן פאַר בעסערע ווי אונזערע. ווייל אַ פרוי האָט צו־פעליק אַ שוואַך האַרץ —

עדגאַר

אַזאַ קאַמף ווי דער, וועט שוין אין יעדן געפינען דעם שוואַכן פונקט. אַ קינד דאַרף דאָס שוין וויסן. אויב מיר וואָלטן נישט געטריבן די דאָזיקע מערדערישע פּאָליטיק, וואָלט די פרוי נישט געשטאָרבן; און ס׳וואָלט נישט געווען דער גאַנצער עלנד אַרום, וועלכן יעדער קאָן דאָך זען.

(אין פאַרלויף פון די לעצטע מינוטן האָט **ענטאָני** אָנגעקוקט זיין זון; יעצט מאַכט ער אַ באַוועגונג אויפשטיין, אָבער ער בלייבט זיצן בעת **עדגאַר** רעדט ווידער)

עדגאַר

איך וויל נישט פאַרטיידיקן די אַרבעטער, אָבער מיך אַליין אָדער וועמען נישט איז.

אונקלין

ס׳וועט אייך אפשר אויסקומען דאס צו טון! אויב דער געריכט, וואָס וועט דאַרפן פעסטשטעלן די סיבות פון דעם טויט, וועט באַשטיין פון נישט פאַראינטערעסירטע סימפּאַטיקער, קאָן ער אָן פיל זייער אומאַנגענעמע זאַכן. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז מיר מוזן אָפּהיטן אונזער געזעלשאַפטלעכע לאַגע.

סקענטלבערי
(האלטנדיק אַלץ די הענט ביי די אויערן.) דער געריכט? ניין, ניין, דער פֿאַל געהערט דאָך נישט צום געריכט?

עדגאַר
גענוג שוין מיט פחדנות.

אואָנגלין
פחדנות איז אַ וואָרט, וואָס קלינגט מיאוס, הער עדגאַר ענטאָני. אויב מיר וועלן פּלוצים נאָכגעבן די אַרבעטער באַלד נאָכדעם, ווי אַזאַ זאַך איז געשען, וועט דאָס אויסזען, ווי פחדנות. מיר מוזן זיין פֿאָרזיכטיק.

ווילדער
אַוודאי מוזן מיר זיין פֿאָרזיכטיק. אייגנטלעך ווייסן מיר גאָרנישט וועגן דער געשעעניש, אויסער אַ קלאַנג. דער ריכטיקער וועג באַשטייט איצט אין דעם, אַז מיר זאָלן דעם גאַנצן ענין איבערגעבן האַרנעס'ן, כּדי ער זאָל געפינען אַן אויסגלייך, סיי ווי, וואָלטן מיר געמוזט צו דעם קומען.

סקענטלבערי
(מיט ווירדע.) דאָס איז אויך מיין מיינונג! (הענדנדיק זיך צו עדגאַר'ן.) און וואָס אָנבאַלאַנגט אייך, יונגערמאַן, האָב איך נישט גענוג ווערטער כּדי אויסצודריקן ווי ווייט ס'איז מיר — מיר געפֿעלן געוואָרן אייער אַרט באַהאַנדלען די גאַנצע פֿראַגע. איר וואָלט געדאַרפֿט צוריקציִען אייערע ווערטער! איר האָט גערעדט וועגן אויסהונגערן, וועגן פחדנות! בעת איר האָט געוואוסט, וועלכע זענען אונזערע אַנשויאונגען! אויסער אייער אייגענעם פֿאָטער, — זענען מיר דאָך אַלע מסכּים, אַז די איינציק ריכטיקע האַנדלונג איז — איז אַ פּאָליטיק פֿון גוטן ווילן און באַרמהערציקייט — אייערע ווערטער זענען זייער נישט אויפֿריכטיק, זייער נישט אויפֿן אָרט, און אַלץ וואָס איך קען זאָגן

איז — איז, אַז זיי האָבן מיך פאַרוואַנדלט — (ער לייגט זיין האַנט אויפן האַרץ)

עדגאַר

(מיט עקשנות.) איך צי גאָרנישט צוריק.

(ער וויל זאָגן נאָך עפּיס, אָבער סקענטלבערי דעקט זיך ווידער צו די אויערן. טענטש מאַכט פּלוצים אַ גערויש מיט דעם פּראָטאָקאָל־בוך. אַלע ווערן אַרומגעכאַפּט מיט עפּיס אַ געפיל, אַז ס'קומט פאָר אַן אומגעהײַנלעכע זאַך, און אַלע, אויסער עדגאַר'ן, זעצן זיך צוריק אויף זייערע שטולן.)

ווילדער

(ווי ער וואָלט פּרובירט אויסגלאַטן עפּעס.) איך וויל נישט שענקן קיין אויפמערקזאַמקייט דעם, וואָס דער יונגער הער ענטאָני האָט געזאָגט. אַ געריכט! דער געדאַנק אַליין איז לעכערלעך. איך—איך מאַך דעם פאָלגנדן פאָרשלאַג וועגן דער פראַגע, וואָס שטייט אויפ'ן טאָג־אָרדנונג: אַז דער סכסוך זאָל תיכף איבערגעגעבן ווערן דעם הער שמעון האַרנעס צו אַן אויסגלייך אויף די יסודות, וואָס ער האָט היינט אין דער פרי אַנטוויקלט. האַלט עמיצער אונטער דעם פאָרשלאַג? (טענטש שרײַבט אין דעם בוך)

וואָנקלין

איך האַלט אונטער.

ווילדער

זייער גוט; איך בעט דאַן דעם פאָרזיצער שטעלן דעם פאָרשלאַג צו אָפּשטימונג.

ענטאָני

(מיט אַ גרויסן זיפץ — לאַנגזאַם) אויף אונז איז געמאַכט געוואָרן אַן אָנגריף. (קוקנדיק אויף ווילדער און סקענטלבערי מיט אַן איראָנישער פאַראַכטונג) איך נעם עס אויף מיינע פּליי־צעס. איך בין אַלט זעקסאונזיבציק יאָר. איך בין געווען דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט פון דעם

מאָמענט, ווען זי איז געבוירן געוואָרן מיט צוויי און דרייסיק יאָר צוריק. אונטער מיין אָנפירונג איז זי דורכ־געגאַנגען גוטע און שלעכטע צייטן. מיין פאַרבינדונג מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן דעם יאָר, ווען דער דאָזיקער יונגערמאַן איז געבוירן געוואָרן.

(ע ד ג א ר בויגט דעם קאָפּ. ע נ ט אָ נ י, האַלטנדיק פעסט זיין שטול, פירט ווייטער)

ע נ ט אָ נ י:

פופציק יאָר האָב איך געהאַט צו טון מיט די אַרבעטער; שטענדיק האָב איך ביי זיי אויסגעפירט מיין ווילן; איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען באַזיגט. איך האָב גע־קעמפט מיט די אַרבעטער פון אונזער געזעלשאַפט פיר מאָל און פיר מאָל האָב איך זיי באַזיגט. מען האָט דאָ געזאָגט, אַז איך בין שוין נישט דערזעלבער, וואָס איך בין געווען (ער קוקט אויף ווי ל ד ע ר ן) ווי עס זאָל נישט זיין בין איך נאָך גענוג שטאַרק, כדי בלייבן שטיין אויף דעם שלאַכט־פעלד.

(זיין שטימע ווערט שטאַרקער, די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער באַ־ווייזן, יעדער אויף זיין אופן, די ווירקונג וואָס זיינע ווערטער מאַכן אויף זיי)

די אַרבעטער זענען געווען באַהאַנדלט מיט גערעכטיקייט, זיי האָבן געהאַט שטענדיקע לוינען, מיר זענען שטענ־דיק געווען גרייט אויסהערן זייערע אָנקלאַגן. מען האָט דאָ געזאָגט, אַז די צייטן האָבן זיך געביטן; איך האָב אָבער זיך נישט געביטן. און איך וועל זיך קיינמאָל נישט בייטן. מען האָט דאָ געזאָגט, אַז די אונטערנעמער און די אַרבעטער זענען גלייך! נאַרישקייט! אין יעדן הויז קאָן זיין נור איין הער! וואו צוויי מענטשן טרעפן זיך, וועט הערשן דער שטאַרקערער. ס'איז דאָ געזאָגט געוואָרן, אַז קאַפּיטאַל און אַרבעט האָבן דיזעלבע אינ־טערעסן. נאַרישקייט! זייערע אינטערעסן זענען אַזוי ווייט

איינע פון די צווייטע ווי צו צוויי פּאָלוסן פון דעם ערד-קוגל. ס'איז דאָ געזאָגט געוואָרן, אַז די פּאַרוואַלטונג איז נור אַ טייל פון דער מאַשין, נאַרישקייט! מיר זענען אַליין די מאַשין איר מוח און איר ווילן; מיר דאַרפן אָנפירן און באַשטימען, וואָס דאַרף געטון ווערן, און דאַן דורכפירן דאָס אָן מורא אָדער שוואַכקייט. מורא האָבן פאַר די אַרבעטער! מורא פאַר די אַקציאָנערן! מורא פאַר אונזער אייגענעם שאָטן איך האָף, אַז איך וועל גיכער שטאַרבן, איידער איך וועל צולאָזן צו מיר דאָס דאָזיקע געפיל.

(ער מאַכט אַ פּויזע, דאַן טרעפנדיק די אויגן פון זיין זון, רעדט ער ווייטער)

ס'איז דאָ נור איין פּאַסיקע אַרט פון באַהאַנדלען די „אַרבעטער"— מיט „דער אייזערנער האַנט". די נישט אַנטשלאָסנקייט און די האַלבקייט פון דעם יעצטיקן דור האָט אונז געבראַכט צו דעם אַלעמען. געפילן און ווייכקייט און אַלץ דאָס, וואָס דער דאָזיקער יונגערמאַן וועט וואַרשיינלעך אָנרופן מיטן נאָמען פון זיין סאָציאַלער באָליטיק. איר קאָנט נישט אין דערזעלבער צייט אויסטרונקען דעם גלאָז און האָבן אים פול! די דאָזיקע קליינבירגערלעכע געפילן, אָדער סאָציאַליזם, אָדער ווי איר זאָלט עס נישט אָנרופן, — דאָס איז אַלץ פאַרפוילטקייט. די אונטערנעמער זענען אונטערנעמער און די אַרבעטער זענען אַרבעטער! אויב איר וועט נאָכגעבן איין פאָדערונג זייערע, וועלן זיי אייך באַלד אַרויסשטעלן זעקס נייע. זיי פאָדערן שטענדיק מער. אויב איך וואָלט געווען אויף זייער אָרט, וואָלט איך געטון פונקט דאָס זעלבע. אָבער איך בין נישט אויף זייער אָרט. געדענקט מיינע ווערטער: ווען איר וועט זיי נאָכגעבן היינט און מאָרגן, וועט איר אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערזען, אַז איר האָט פאַרלוירן דעם פעסטן גרונד פון אונטער אייערע פיס, אַז איר זייט טיף פאַרקראָכן אין דעם וועג.

וואָס פִירט צום באַנקראָט; און אִין דערזעלבער האָפּ־
נונגסלאָזער לאַגע, ווִי אייערע, וועלן זיך אויך געפינען
דִי אַרבעטער, וועמען אִיר האָט נאָכגעגעבן. מען האָט
מִיך באַשולדִיגט, אַז אִיך בִין אַ מאַכט־דורשטיקער טִיראַן,
וועלכער האָט אִין זִינען נור זיין אייגן שטאָלץ — אין
דער ווִירקלעכקייט אָבער האָב אִיך אִין זִינען דִי צוקונפט
פון אונזער לאַנד, וואָס אִיז באַדראָט דורך פִינסטערע כּוחות
פון צושטערונג, באַדראָט דורך אַ רעגִירונג פון דעמאַ־
גאָגן, באַדראָט דורך געפאַרן, וועלכע אִיך קאָן נאָך
נִישט זען. אויב אִיך וואָלט מִיטגעהאָלפן דורך מיין
האַנדלונג צו דערנענטערן דעם דאָזִיקן אומגלִיק, וואָלט
אִיך מִיך געשעמט צו קוקן דִי מענטשן גלייך אִין דִי
אויגן.

(ע נ ט אָ נ י קוקט גלייך פאַר זִיך, ווִי ערוואָלט געזען דִי ווייטע צוקונפט. ס'הערשט אַ פולשטענדִיקע שטִילקייט. פ ר אָ ס ט קומט אַריין פון דעם פאָרצִימער און אַלע אויסער ע נ ט אָ נ י קוקן אִים אָן מִיט ער־וואַרטונג)

פ ר אָ ס ט

(צו זיין הער) דִי אַרבעטער זענען געקומען (ע נ ט אָ נ י מאַכט אַ באַוועגונג מִיט דער האַנט) זאָל אִיך זיי אַריינפִירן?

ע נ ט אָ נ י

וואַרטן!

(פ ר אָ ס ט גייט אַרויס, ע נ ט אָ נ י דרייט זִיך אויס צו זיין זון)

ענטאָני.

אִיך קום צום אָנגרִיף, וואָס אִיז געמאַכט געוואָרן קעגן מִיר.

(ע ד ג אַ ר מאַכט אַ באַוועגונג פון פּראָטעסט דאַן בלייבט ער רואִיק מִיט דעם קאָפּ אַ בִיסל געבויגן)

אַ פרוי אִיז געשטאָרבן. מען האָט מִיר געזאָגט, אַז מִיט אִיר בלוט זענען באַפלעקט מיינע הענט; מען האָט מִיר געזאָגט, אַז מיינע הענט זענען באַפלעקט מִיט דעם אויס־

הונגערן און מיט די ליידן פון אַנדערע פרויען און קינדער.

עדגאַר

איך האָב געזאגט „אונזערע הענט“.

ענטאָני

דאָס איז איינס און דאָס זעלבע. (זיין שטימע ווערט אַלץ שטאַרקער, זיין אויפרעגונג ווערט אַלץ מער באַמערקבאַר) איך ווייס נישט וועגן דעם, אַז אויב מיין קעגנער ליידט אין אַ לאָיאַלן קאַמף, וועלכן איך האָב נישט אָנגעהויבן, — איז עס מיין שולד. אויב אין דעם קאַמף וואָלט איך געפאַלן אונטער זיינע פיס, — און איך קאָן נאָך פאַלן —, דאַן וואָלט איך מיך אויף אים נישט באַקלאָגט. איך האָב מיינע שאַנסן אין דעם קאַמף און ער האָט זיינע. איך קאָן נישט אָבטיילן, — און איך וואָלט געוואָלט דאָס טון, — די אַרבעטער פון זייערע פרויען און קינדער. אַ לאָיאַלער קאַמף איז אַ לאָיאַלער קאַמף! זאָלן זיי זיך אויסלערנען דענקן, איידער זיי באַשליסן אָנהויבן אַ קאָנפליקט!

עדגאַר

(מיט אַ שטילער שטימע) צי איז עס אָבער אַ לאָיאַלער קאַמף, פאָטער? קוקט אויף זיי און קוקט אויף אונז! זיי האָבן נאָר דעם איינציקן געווער!

ענטאָני

(פאַרפינסטערט) און איר זייט גענוג ווייכהאַרציק, כדי זיי אויסלערנען, ווי אַזוי זיך מיט דעם דאָזיקן געווער צו באַנוצן! ווי ס'ווייזט אויס, די היינטיקע מאָדע באַשטייט אין דעם, אַז מענטשן שטעלן זיך אויף דער זייט פון זייערע קעגנער. איך האָב זיך נישט געלערנט דער דאָזיקער קונסט. צי איז עס אויך מיין שולד, וואָס די אַרבעטער האָבן זיך צעקריגט מיט דעם פאַריין?

עדגאַר

ס׳איז פֿאַראַן אַ זאַך, וואָס רופֿט זיך באַרמהערציקייט.

ענטאָני

אָבער גערעכטיקייט שטייט אויפֿן ערשטן אָרט.

עדגאַר

דאָס וואָס איין מענטש פּאַסט־אויף אַלס גערעכט, האַלט דער צווייטער פֿאַר אומרעכט.

ענטאָני

(מיט אַ דערשטיקטער אויפֿרעגונג און היץ) איר באַשולדיקט מיך אין אומגערעכטיקייט — אין אוממענטשלעכקייט — אין גרויזאַמקייט —

(עדגאַר מאַכט אַ באַוועגונג פֿון גרויל — אַן אַלגעמיינע באַוועגונג פֿון שרעק)

אוואַנקלין

הער פֿאָרזיצער!

ענטאָני

(פֿאַרחושט) דאָס זענען די ווערטער פֿון מיין אייגענעם זון, דאָס זענען ווערטער פֿון אַ דור, וועלכן איך פֿאַרשטיי נישט; פֿון אַ דור אָן אַ רוקנביין.

(אַן אַלגעמיין מורמלען דורך אַ געהאַלטיקע אנשטרענגונג, ענטאָני באַהערשט זיך אויפֿסניי)

עדגאַר

(רויִק) איך האָב באַנוצט די ווערטער בנוגע מיר אַליין אויך, פֿאָטער.

(די ביידע טוישן אויס צווישן זיך אַ לאַנגן קוק. ענטאָני שטרעקט־אויס זיין האַנט מיט אַ באַוועגונג, וואָס זאָל באַדייטן, אַז ער רוקט־אָפּ אין אַ זייט אַלע פּערזענלעכע מאָמענטן; דאַן הייבט ער די האַנט צו זיין שטערן און בויגט זיך ווי אַ מענטש, וועמען עס דרייט זיך דער קאָפּ. אַלע לאָזן זיך צו אים צו הילף. ער רוקט זיי אָפּ מיט דער האַנט.)

ענטאָני
איידער איך וועל שטעלן דעם פֿאָרשלאַג צו אָפּשטימונג, האָב איך נאָך איין וואָרט צו זאָגן. (ער קוקט זיי אָן איינעם נאָך דעם צווייטן) אויב ער וועט דורכגיין, וועט דאָס באַדייטן, אַז מיר וועלן נישט דערגרייכן דעם ציל, וועלכן מיר האָבן זיך געשטעלט. דאָס וועט באַדייטן, אַז מיר וועלן נישט ערפילן דעם חוב, וועלכן מיר האָבן בנוגע צום גאַנצן קאַפּיטאַל. דאָס וועט באַדייטן, אַז מיר וועלן נישט ערפילן אונזער חוב בנוגע אונז אַליין, דאָס וועט באַדייטן, אַז מיר וועלן זיין אויסגעשטעלט אויף אומאויפהערלעכע אָנגריפן, וועלכע מיר וועלן מוזן פונקט אַזוי אומאויפהערלעך נאָכגעבן. ס'טאָר דאַן נישט פֿאָרקומען קיין מיספאַרשטענדניש — אויב איר וועט דאָסמאָל אַנטלויפן פון שלאַכטפעלד, וועט איר שוין קיינמאָל נישט קאָנען זיי זיך אַנטקעגנשטעלן! איר וועט מוזן לויפן ווי די הינט פאַר דעם בייטש פון אייערע אייגענע אַרבעטער. אויב אַזאַ גורל געפעלט אייך, דאַן שטימט פאַר דעם פאָרשלאַג.

(ער קוקט זיי ווידער אָן, איינעם נאָך דעם צווייטן, אָפּשטעלנדיק צום סוף זיין קוק אויף ע ד ג א ר'ן; אַלע האַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט. ענטאָני שטרעקט־אויס די האַנט און טעגטש גיט אים איבער דאָס בוך. ענטאָני לייענט)

„פאָרגעשלאָגן דורך הער ווילדער און אונטערגעהאַלטן דורך הער אוּאָנקלין: די פאָדערונגען פון די אַרבעטער זאָלן תיכף איבערגעגעבן ווערן דעם הער שמעון האַרנעס צו אַן אויסגלייך אויף די יסודות, וואָס ער האָט אָנגעמערקט דעם היינטיקן מאָרגן". (מיט אַ פלוצלינגער קראַפט) ווער איז פאַר דעם פאָרשלאַג, זאָל אויפהויבן די האַנט!

(אַ מינוט צייט, קיינער רירט זיך נישט; דאַן פונקט ווען ענטאָני קלייבט זיך ווידער נעמען דאָס וואָרט, הייבן ווילדער און אואָנקלין אויף זייערע הענט, נאָך זיי סקענלבערי און צום סוף עדגאר, וועלכער בלייבט אַליין זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ)

ווער איז קעגן? (ער הויבט זיין אייגענע האנט, דאן מיט א קלארע שטימע) דער פארשלאג איז אנגענומען. איך גיב אייך איבער מיין דימיסיע אלס פארזיצער פון דער פארוואל־טונג.

(ס'הערשט א טויט־שטילקייט. ע נ ט א נ י זיצט אן באוועגונג, נאר זיין קאפ לאזט זיך פאמעלעך אראפ, ער שטייפט זיך מיט אמאל אויס, פונקט ווי זיין גאנץ לעבן וואלט זיך אויפגעהויבן אין אים)

פופציק יאר! איר האט מיך באדעקט מיט חרפה, מיינע הערן! פירט אריין די ארבעטער!

(ער בלייבט אן באוועגונג, קוקנדיק גלייך פאר זיך. די איבעריקע פארוואלטונגס־מיטגלידער פארזאמלען זיך שנעל אין איין גרופע. ט ע נ ט ש גייט מיט דערשראקענע באוועגונגען אין דעם פארצימער. ווילדער רעדט אין דער זייט צו או א נ ק ל י נ ע ן)

ווילדער

(אין איילעניש) וואס וועלן מיר זיי זאגן? פארוואס איז הארנעס נישטא? צי זאלן מיר רעדן מיט די ארבעטער, איידער ער קומט? איך —

טענטש

ווילט איר, ביטע, אריינגיין?

(ס'גייען אריין טאמאס, גרין, בולגין און ראאוס. זיי שטעלן זיך אויס אין א רייע ביי דעם קליינעם טיש. טענטש זעצט זיך אוועק און שרייבט. אלע אויגן זענען געווענדעט צו ע נ ט א נ י, וועלכער זיצט אן באוועגונג)

אואנקלין

(דערנענטערט זיך צום קליינעם טיש און רעדט מיט א נערוועזישער הארצלעכקייט) נו, טאמאס, ווי האלט עס? וואס האט איר באשלאסן אויף אייערן מיטינג?

ראאוס

סים הארנעס האט אונזער ענטפער. ער וועט אייך זאגן, ווי איז די לאגע. מירווארטן אויף אים. ער וועט רעדן אין אונזער נאמען.

אוּאָנקלין

אִיז דאָס ריכטיק, טאָמאַס?

טאָמאַס

(אומחילִיק) יאָ, ראָבערטס וועט נישט קומען, זיין פרוי איז געשטאָרבן.

סקענטלבערי

יאָ, יאָ! אָרעמע פרוי! יאָ! יאָ!

פראָסט

(קומענדיק פון פאָרצימער) הער האַרנעס!

(ער גייט ארויס בעת האַרנעס קומט אריין. האַרנעס, האַלטנדיק אַ פּאַפּיר אין דער האַנט, פאַרנייגט זיך פאַר די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער, שאָקלט מיטן קאָפּ צו די ארבעטער און שטעלט זיך ביים קליינעם טיש אין סאַמע-מיטן פון דעם צימער)

האַרנעס

אַ גוטן אָוונט, מיינע הערן!

(טענטש גייט צו אים צו מיטן פּאַפּיר, וועלכן ער האָט געשריבן. זיי רעדן שטילערהייט צווישן זיך)

ווילדער

מיר האָבן אויף אייך געוואַרט, האַרנעס. איך האָף, אַז מיר וועלן קומען צו —

פראָסט

(קומענדיק פון פאָרצימער) ראָבערטס!

(ער גייט ארויס. ראָבערטס קומט אריין איילִיק און שטעלט זיך אָפּ, אָנקוקנדיק ענטאָני. זיין געזיכט איז אויסגעצויגן און אַלט)

ראָבערטס

הער ענטאָני, איך האָב מורא, אַז איך האָב פאַרשפּעטיקט. איך וואָלט געווען צו דער צייט, ווען ניש — ווען נישט אַ זאַך, וואָס איז געשען. (צו די ארבעטער) איז שוין דאָ עפּעס גערעדט געוואָרן?

ט אָ מ אַ ס

ניין! אָבער, מענטשן! וואָס האָט אייך געבראַכט אַהער?

ר אָ ב ע ר ט ס

היינט אין דער פרי: האָט איר אונז געזאָגט, מיינע הערן, מיר זאָלן נאָך אַמאָל באַטראַכטן אונזער שטעלונג. מיר האָבן זי באַטראַכט און מיר ברענגען אייך דעם ענטפער פון די אַרבעטער. (צו ענטאָני:) פאָרט צוריק נאָך לאָנדאָן. מיר האָבן גאָרנישט פאַר אייך. מיר זאָגן זיך נישט אָפּ אפילו פון איין אות פון אונזערע פאָדערונגען, און מיר וועלן נישט אָפּטרעטן ביז וואַנען אַלע אונזערע פאָדערונגען וועלן נישט נאָכגעגעבן ווערן.

(ע נ ט אָ נ י קוקט אים אָן, אָבער רעדט גאָרנישט. צווישן די אַרבעטער באַמערקט זיך אַ באַוועגונג פון פאַרוואונדערונג)

ה אַ ר נ ע ס

ראָבערטס!

ר אָ ב ע ר ט ס

(וואַרפט אים אַ פייערדיקן קוק און רעדט ווייטער צו ע נ ט אָ נ י) איז דאָס גענוג קלאָר פאַר אייך? איז דאָס גענוג שאַרף און קורץ? איר האָט געהאַט אַ טעות, מיינענדיק, אַז מיר ליגן שוין אונטער אייערע פיס. איר קאָנט ברעכן דעם קערפּער, אָבער איר קאָנט נישט ברעכן דעם גייסט. פאָרט צוריק נאָך לאָנדאָן, די אַרבעטער האָבן גאָרנישט פאַר אייך!

(ער מאַכט אַן אומזיכערע פּויזע און דאַן אַ שריט פאָרויס צו דעם אומבאַוועגלעכן ע נ ט אָ נ י)

ע ד ג אַ ר

מיר האָבן אַלע מיטלייד פאַר אייך, ראָבערטס, אָבער —

ר אָ ב ע ר ט ס

האַלט אייער מיטלייד פאַר אייך, יונגערמאַן, לאָזט רעדן אייער פאָטער!

האַרנעס

(האַלטנדיק אַ בויגן פּאַפּיר אין דער האַנט) ראָבערטס!

ראָבערטס

(צו ע נ ט אָ נ י, מיט אַ געהאַלטיקער לײדנשאַפֿט) פֿאַרוואָס ענטפֿערט איר ניט?

האַרנעס

ראָבערטס!

ראָבערטס

(דרײענדיק זיך אויס שאַרף) וואָס איז?

האַרנעס

(ערנסט) איר רעדט ניט צו דער זאַך? די געשעענישן האָבן זיך גערוקט װײַטער; ווי איר מײנט.

(ער מאַכט אַ צײכן ט ע נ ט ש ן, װעלכער רופֿט צו די פֿאַרוואַלטונגס־מיטגלידער. זײ שרײַבן אונטער אין אײַלעניש זײַן קאָפּיע פֿון דעם אָפּמאַך)

האַרנעס

זעט איר דאָס? (ער ווײַזט זײַן בויגן פּאַפּיר) „די פֿאָדערונגען זענען נאָכגעגעבן מיט דעם אויסנאַם פֿון די יענע, וואָס זענען נוגע די מעכאַניקער און די הײצערס, — אַ דאָפּלטער לוין שבתדיקע איבערשטונדן. נאַכט־אַרבעט לויט דעם אַלטן טאַריף.” דער דאָזיקער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן. מאָרגן שטעלן זיך די אַרבעטער צו דער אַרבעט. דער שטרײַק איז געענדיקט.

ראָבערטס

(לײענט דעם אָפּמאַך, דאַן דרײט ער זיך אויס צו די אַרבעטער. זײ אַלע ציִען זיך צוריק, אויסער ר אַ א ו ס ן, װעלכער בלײַבט שטײן אויפֿן אָרט. אין אַ טויטער שטילקײט) איר האָט מיך פֿאַרראַטן? איך בין געבליבן אײך טרײַ ביזן טויט; איר האָט געוואַרט אַז דאָס זאָל געשען, כּדי מיך אַראָפּוואַרפֿן!

(די אַרבעטער ענטפֿערן, רעדנדיק אַלע צוזאַמען)

ר אָ א ו ס

ס'איז אַ ליגן!

ט אָ מ אַ ס

איר האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

ג ר י ן

וואָלט איר מיך געפאָלגט —

ב ו ל ג י ן

(צווישן די ציין) האַלט אייער מויל!

ר אָ ב ע ר ט ס

איר האָט געוואָרט, אַז דאָס זאָל געשען!

ה אַ ר נ ע ס

(נעמענדיק די קאָפּיע פון אָפּמאַך, וואָס די מיטגלידער פון דער פאַרוואַל־טונג האָבן אונטערגעשריבן און געבנדיק זי ט ע נ ט ש ן) ס'איז גענוג, חברים. איר קאָנט שוין גיין.

(די אַרבעטער ציען זיך פּאַמעלעך צוריק)

ו י ל ד ע ר

(מיט אַ שטילער, נערוועזישער שטים) איך רעכן, אַז ס'איז שוין נישטאָ וואָס מער דאָ צו פאַרבלייבן (גייענדיק צו די טיר) איך וועל פרובן כאַפּן דעם צוג! איר גייט, סקענטלבערי?

ס ק ע נ ט ל ב ע ר י

(גייט נאָך אויאָנקלינגען) יאָ, יאָ; וואַרט אַ מינוט.

(ער שטעלט זיך אָפּ, ווען ר אָ ב ע ר ט ס הויבט אָן צו רעדן)

ר אָ ב ע ר ט ס

(צו ענטאָני) אָבער איר האָט נישט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך! זיי קאָנען נישט שליסן קיין אָפּמאַך אָן דעם פאָרזיצער! איר וועט דאָך קיינמאָל נישט אונטערשרייבן אַזאַ אָפּמאַך!

(ענטאָני קוקט אים אָן אָבער רעדט גאָרנישט)

ר אָ ב ע ר ט ס

זאָגט מיר ניִשט, אַז איִר האָט אונטערגעשריִבן! אום גאָטעס וויִלן! (מיִט אַ פאַרצווייפלטער ביִטע) איִך האָב אויף אייך גערעכנט!

ה אַ ר נ ע ס

(אויסשטרעקנדיִק די קאָפּיע פון אָפּמאַך) די פ אַ ר וו אַ ל ט ו נ ג האָט אונטערגעשריִבן!

(ר אָ ב ע ר ט ס קוקט טעמפּ אויף די אונטערשריִפטן — שטופּט אַוועק דאָס פּאַפּיר און פאַרדעקט זיִך די אויגן)

ס ק ע נ ט ל ב ע ר י

(איִן דער זייט צו ע נ ט א נ י) גיִט אַכטונג אויף דעם פאָרזיִצער! ער מוז זיִך שלעכט פיִלן; ער מוז זיִך שלעכט פיִלן — ער האָט נאָך גאָרניִשט געגעסן. אויב ס'וועט זיִך דאָ עפּנען אַ פאָנד פאַר די פרויען און קיִנדער, פאַרשרייבט מיִך אויף — אויף צוואַנציִק פונט.

(ער גייט אַרויס איִן פאַרציִמער איִן גרויס איילעניִש; א ו אָ נ-ק ל י ן, וועלכער האָט זיִך צוגעקוקט מיִט גרויס אינטערעס צו דער סצענע צוויִשן ר אָ ב ע ר ט ס ן און ע נ ט אָ נ י גייט איִם נאָך. ע ד-ג אַ ר בלייבט זיִצן אויף דער סאָפע מיִט אַראָפּגעלאָזענע אויגן; ט ע נ ט ש, אומקערנדיִק זיִך צו זיין ביוראָ, שרייבט עפּעס איִן דעם פּראָטאָקאָל-בוך. ה אַ ר נ ע ס שטייט ווייטער ביי דעם קליינעם טיִש, קוקנדיִק ערנסט אויף ראָבערטסן)

ר אָ ב ע ר ט ס

הייסט עס, אַז איִר זייט שוין ניִשט מער דער פאָרזיִצער פון דער געזעלשאַפט! (מיִט אַ האַלב משוגענעם געלעכטער) אָ — האָ, אָ — האָ-האָ! זיי האָבן אייך אַראָפּגעוואָרפן, אַראָפּ-געוואָרפן זייער פאָרזיִצער! האַ האַ האַ! (ער ווערט פּלוצים מוראדיִק ערנסט) דאָס הייסט — אַז זיי האָבן געמאַכט אַ סוף מיִט אונז ביידע, הער ענטאָני?!

(ע נ י ד קומט איִן גרויס איילעניִש פון דעם עס-ציִמער און גייט-צו צו איִר פאָטער. ה אַ ר נ ע ס דערנענטערט זיִך צו ר אָ ב ע ר ט ס ן און לייגט זיין האַנט אויף ראָבערטס אַ ק ס ל)

הארנעס

באַהערשט אייך, ראַבערטס! גייט רויִק אַהיים, גייט אַהיים!

ראבערטס

(צוריקציענדיק זיין אָרעם) אַהיים? (פֿאַרלירנדיק זיך אין אַ מורמל) אַהיים!

ענִיד

(רויִק צו איר פֿאָטער) קום, טייערער! קום אין דיין צימער!

(ענטאָני שטייט אויף מיט מי. ער קערט זיך אום צו ראַבערטסן, וועלכער קוקט אים אָן. זיי שטייען אַ קורצע צייט מעסטנדיק זיך מיט די אויגן; ענטאָני הייבט אויף זיין האַנט ווי צו אַ גרוס, אָבער ער לאָזט זי ווידער אַראָפּפֿאַלן. ראַבערטס געזיכט ענדערט זיין אויסדרוק: פֿון פֿיינטלעכקייט צו באַוואונדערונג. זיי בייגן ביידע די קעפּ, אַלס אַן אויסדרוק פֿון קעגנזייטיקן דרך־ארץ. ענטאָני דרייט זיך אויס און גייט פּאַמעלעך צו דער טיר מיט דעם פֿאָרהאַנג. פּלוצים ער פֿאַרוואַקלט זיך ווי אַ מענטש, וואָס האַלט ביים פֿאַלן. עדגאַר אײַלט צו זיין הילף. ענטאָני באַהערשט זיך און מיט דער הילף פֿון ביידע קינדער גייט ער אַרויס. ראַבערטס בלייבט אַ קורצע צייט אָן באַוועגונג, דאַן גייט ער אַרויס אין דעם פֿאָרצימער)

טענטש

(דערנענטערט זיך צו האַרנעסן) ס'איז מיר אַראָפּגעפֿאַלן אַ גרויסער לאַסט פֿון האַרצן, הער האַרנעס! אָבער וואָס פֿאַר אַ פּיינלעכע סצענע איז דאָס געווען! (ער ווישט זיך אויס דעם שטערן)

(האַרנעס, בלאַס און ענטשלאָסן, קוקט אָן דעם ציטערנדיקן טענטש מיט אַ פֿינסטערן שמייכל)

אַלץ איז געווען אַזוי געוואַלטיק! וואָס האָט ער געמיינט מיט די ווערטער: „געמאַכט אַ סוף מיט אונז ביידע"? כאָטש דער אָרימער מענטש האָט פֿאַרלוירן זיין פֿרוי, האָט ער דאָך נישט געדאַרפֿט אַזוי רעדן מיטן פֿאָרזיצער!

האַרנעס

אַ פּרוי איז טויט; און די צוויי שטאַרקסטע מענטשן — צעבראָכן!

(אונדערוואוד גייט אַריין פּלוצים)

טענטש

(קוקט אָן האַרנעסן — מיט אַמאָל ווערט אויפגערעגט) ווייסט איר, הער האַרנעס, — דער היינטיקער אָפּמאַך, — דאָס איז דאָך פּונקט דער זעלבער ווי דער פּראָיעקט, וואָס מיר האָבן צוזאַמען אויסגעאַרבעט און פאָרגעשלאָגן ביידע צדדים איידער דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן? דאָס אַלץ — דאָס אַלץ — און — און צוליב וואָס?

האַרנעס

(מיט אַ לאַנגזאַמער שטים) דאָ ליגט טאַקע דער הונט באַגראָבן!

(אונדערוואוד ביי דער טיר. מאַכט אַ זשעסט פון צושלי־מונג)

פאָרהאַנג פאַלט.